בס"ד

# מעדין שבת אוצר

מיט ווערטלעך שיינע, פאר גרויסע און קליינע.

פ. מאזעסזאהן - "המחנה החרדי"



## פערל ווערטער - פ' ואתחנן "שבת נחמו" תש"פ

### ואתחנן אל ה' בעת ההיא לאמר (ואתחנן ג:כג)

משה רבנו האט אויסגעבעהטן אויף לדורות, "**בעת ההיא**"—ווען ס'וועט קומען אזא צייט אויף אידן ווען זיי וועלן נישט קענען צוליעב זייערע צרות און פיינונגען פון גלות, דאווענען מיט די ריכטיגע כוונה, נאר "**לאמר**",—זיי וועלן בלויז מיט'ן מויל זאגן, זאל אויך זייער תפילה ווערן אנגענומען. *(הרה"ק מאמשינוב זצוק"ל)*

### ויאמר ה' אלי רב לך. (ואתחנן ג:כו)

די סגולה פון ארץ ישראל איז, אז ס'לייטערט אויס דעם מענטש מיט גוטע מדות. דאס האט דער באשעפער געזאגט פאר משה רבינו, וויבאלד דו האסט דאך שוין אליין זוכה געווען אויסצולייטערן דיינע מדות דעריבער, "רב לך"—דארפט דו שוין נישט אריינקומען קיין ארץ ישראל ווייל דו ביזט שוין אסאך גרעסער. *(נר ישראל-רוזשין)*

### עלה ראש הפסגה ושא עיניך ימה וצפונה וגו', וראה בעיניך כי לא תעבור וגו'. (ואתחנן ג:כז)

"**ראה**"—באדייט אויך פארשטאנד, מ'זאל פארשטיין, אזוי ווי רש"י זאגט אין אנהויב פ' וירא. דאס איז דער רמז אין פסוק: "**וראה**",—דו זאלסט פארשטיין, "**בעיניך**"—מיט די עיני השכל, פארוואס דו וועסט נישט אריין קומען קיין ארץ ישראל. *("בארות המים")*

### השמרו לכם וגו' ועשיתם לכם פסל תמונת כל, אשר צוך ה' אלקיך. (ואתחנן ד:כג)

ווען א מענטש מאכט א פסל אדער א בילד, איז דאס נישט די אורגינאלע זאך, ווייל ער מאכט דאס נאך פון אן אנדערע זאך. דער פסוק ווארענט דעם מענטש, אז ביים מקיים זיין מצוות, זאל ער די מצוות נישט נאכמאכן פון א צווייטן, נאר די מצוה זאל געטועו ווערן פון מקור. און דאס זאגט דער פסוק: "**השמרו לכם וגו' ועשיתם פסל תמונת כל אשר צוך ה' אלקיך**", די מצוות פון די תורה זאלן נישט זיין נאכגעמאכט, אזוי ווי א פסל און א בילד. *(הרה"ק מקאצק זי"ע)*

### אשר הכה משה ובני ישראל בצאתם ממצרים. (דברים ד:מו)

דער פסוק זאגט: "**אשר הכה משה ובני ישראל בצאתם ממצרים**",—די מלחמה מיט סיחון איז דאך געווען מיט בערך פערציג יאהר שפעטער, אינעם לעצטן יאהר, איידער די אידן זענען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל? נאר די כוונה פון פסוק איז, אז גלייך נאכדעם, וואס די אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים, איז סיחון געווען גרייט, מען זאל אים שלאגן, און ווען נישט די מעשה מיט די מרגלים, וואלטן די אידן אים געווען גלייך געשלאגן אין צווייטן יאהר נאך יציאת מצרים. *("אור החיים" הק')*

### והיו הדברים האלה...על לבבך ושננתם לבניך וגו'. (דברים ו:ו)

ווען א מענטש וויל משפיע זיין תורה און מצוות פאר זיינע קינדער, דארף ער פריער אליין זיין דורכגעדרינגען מיט תורה און מצוות, און דערנאך קען ער משפיע זיין אויף זיינע קינדער. דאס זאגט דער פסוק: "**והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך ושננתם לבניך**",—די רייד זאלן טיעף אריינגעדרינגען אין דיין הארץ, דעמאלט, "**ושננתם לבניך**",—וועסטו אויך קענען משפיע זיין אויף די קינדער, וואס וועלן זיך צוהערן צו דיינע ווערטער. *(אלשיך הק')*

## בית צדיקים יעמוד

# שמחו בה' וגילו צדיקים




בעלזער חסידים איבער די וועלט גרייטן זיך מיט א געהויבענע התרגשות און עקסטאז צום פארקומענדן 'שמחת בית בעלזא' - שמחת הנישואין פון נכד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - החתן הרב חיים מאיר שליט"א בן הרה"צ רבי אהרן מרדכי שליט"א, עב"ג הכלה בת קדושים בת הגה"צ ר' שלום מאסקאוויטש שליט"א בן כ"ק אדמו"ר משאץ-מעליץ שליט"א וחתן כ"ק אדמו"ר מדעעש שליט"א וואס וועט אי"ה פארקומען בשעטומ"צ דאנערשטאג פ' עקב, לסדר למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה אשר נשבע ה' לאבותיכם לתת להם כימי השמים על הארץ, ט"ז לחודש הנחמות הבעל"ט, אינעם קרית מלך רב, קרית בעלזא ירושלים עיה"ק.

דער מחותן שליט"א איז מפאר היחס, אן אייניקל וואס טראגט דעם נאמען פונעם גאון וקדוש רבי שלום מאסקאוויטש משאץ לונדון זצוק"ל, וואס איז געווען

<<<<<<

## מתורת רבותינו אויף די פרשה

### ואתחנן אל ה' בעת ההיא וגו'... (ואתחנן ג:כג)

**מדרש (דב"ר יא:י): משה רבינו האט מתפלל געווען פינף הונדערט און פופצן (515) תפילות. פארוואס דוקא 515 תפילות?**

זאגט דער מדרש (תנחומא ויקהל ז): אז דער בית המקדש של מעלה, אין הימל איז מְכוּוָן קעגן איבער דעם בית המקדש של מטה, אויף די ערד. איז ווער האט געבויט דעם בית המקדש של מעלה? זאגט די גמרא (ברכות ז.): אז דער באשעפער דאווענט אויך, האט דער באשעפער מיט זיין תפילה געברענגט א "**מחנה**" פון מלאכים און אויפגעשטעלט די ערשטע וואנט פונעם ביהמ"ק—און "**מחנה**" באטרעפט 103. אברהם אבינו דורך זיין תפילה האט געברענגט א "מחנה" פון מלאכים און אויפגעשטעלט די צווייטע וואנט פונעם ביהמ"ק—דעריבער האט אברהם אבינו גערופן דעם ביהמ"ק "**הר**" וואס באטרעפט 206 מיט'ן כולל— אזוי ווי צוויי מאהל "מחנה". יצחק אבינו מיט זיין תפילה האט מוסיף געווען נאך א "מחנה" פון מלאכים און אויפגעשטעלט די דריטע וואנט פונעם ביהמ"ק—דעריבער האט יצחק אבינו גערופן דעם ביהמ"ק "**שדה**" וואס באטרעפט 309—אזוי ווי דריי מאהל "מחנה". יעקב אבינו האט מיט זיין תפילה מוסיף געווען נאך א "מחנה" פון מלאכים און אויפגעשטעלט די פערטע וואנט—און דעריבער האט יעקב אבינו גערופן דעם

*המשך בעמוד ג'*

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם...על הר גבה עלי לך מבשרת ציון הרימו בכח קולך מבשרת ירושלים...

## בית צדיקים יעמוד

<<<<<

בארימט פון די שענסטע בעלזער אייניקלעך (ער האט געטראגן דעם נאמען פון מרן מהר"ש זי"ע), און פון די געהויבענע גדולי חסידי בעלזא אינעם פארגאנגענעם דור. דער שאצער רב איז געווען מגדולי היחס, זייענדיג א בן אחר בן פונעם הייליגן רבי מיכל'ע זלאטשובער און אויך אן אייניקל פונעם הייליגן ראפשיצער רב און רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע ועוד.

ס'איז אנצוצייכענען אז ביי די חתונה פון בילגורייא רב זי"ע אין ארץ ישראל, איז דער שאצער רבי געקומען צו פארן פון לונדון און איז געווען פון די אנגעזעענסטע געסט. ביי די חופה האט מרן זי"ע געליינט די כתובה און געזאגט די ערשטע זעקס ברכות, און מרן זי"ע האט מכבד געווען "הרב הצדיק שאר-בשרי משאץ שליט"א בברכה אחריתא" (פונעם בריוו פון בילגורייא רב).

דער זיידע דער שאץ-מעליצער רבי שליט"א, איז א ממשיך פונעם שושלת הקודש לבית מעליץ, וואס ציהט זיך פון הרה"ק רבי יענק'לע מעליצער, זוהן פון הייליגן ראפשיצער רב זי"ע. אזוי אויך דער שווער פונעם מחותן דער דעעשער רבי פון בני ברק איז א ממשיך שושלת הקודש לבית דעעש.

ווי ביי אלע שמחות בבית בעלזא ובאהלי הצדיקים, קומט צום אויסדרוק דעם געוואלטיגן שבח והודי' וואס אידישע קינדער האבן צום בורא כל עולמים, אויפן חסד פון "בית צדיקים יעמוד" אז ס'טאנצן ווידער זקנים עם נערים און פרייען זיך בשמחת בית צדיקים, בעטענדיג און האפענדיג אז מ'זאל שוין זוכה זיין צו עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה מיט אלע אידן אינאיינעם.

די שמחה וועט זיך אנהויבן אי"ה מיטן אויפרוף קומענדיגן שבת קודש פ' ואתחנן - נחמו. דער נאמען "שבת נחמו" באריירט די סטרונעס פון יעדן בעלזער חסיד. "שבת נחמו" שנת תשכ"ו איז געווען דער "שבת הכתרה" וואס כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט געפירט פאר המוני חסידי זקני ורבני אנ"ש, ולאורו ניסע ונלך בבריות גופא ונהורא, עדי יוליכנו לקראת משיח צדקנו בב"א. "שבת נחמו" תשנ"ג איז געווען דער שבת אויפרוף פון הרה"צ רבי אהרן מרדכי שליט"א. אויך איז "שבת נחמו" תש"ן געווען דער שבת ווען מרן שליט"א איז צום ערשטן מאל אריינגעגאנגען דאווענען ברוב עם אינעם "בית המדרש המרכזי" אינעם בנין פון די גרויסע הייליגע שוהל. אזוי אז "שבת נחמו" סימבאליזירט די הבטחה פון "בית צדיקים יעמוד" און איז דעריבער "זמן גרמא" פארן פלעכטן נאך א טייערע רינגל אינעם הייליגן קייט לאויוש"ט.

בעלזער חסידים אומעטום זענען מתפלל אז די שמחה זאל זיין א שלימות'דיגע און אן אייביגע, כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א זאל זעהן ביי דעם חתן וכלה און ביי אלע אייניקלעך און ביי אונז אלע חסידים פיהל תענוג ונחת, ומשמחה זו יושפע שפע רב אויף אלע וואס זענען דבוק אינעם עץ החיים און אויף גאנץ כלל ישראל. אמן.

***

### קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בגילה ברנה בשמחה רבה הננו מצטרפים בחרדת קודש וביראת הכבוד לרבבות אלפי ישראל
להביע את רגשות ברכותנו מול קדם עטרת ראשנו מאור עינינו ורוח אפינו נשיא אלקים בתוכנו

**כ"ק מרן אדמו"ר מבעלזא שליט"א**

**ולמע"כ הגאון הצדיק חו"פ כקש"ת גאב"ד מאקאווא שליט"א**

ולמע"כ פרי צדיק עץ חיים אוצר כל כלי חמדה

**הרה"צ רבי אהרן מרדכי שליט"א**

**לרגל שמחת האויפרוף ונשואי הנכד - הבן החתן היקר**

המופלג בתורה ויראת שמים ומושלם בכל מדה נכונה פאר מקדושים

**כמר חיים מאיר הי"ו**

**עב"ג הכלה החשובה המהוללה שתחי'**

**בת הרה"ג שהיו"ח רבי שלו' מאסקאוויץ שליט"א**

**הנושא את שם זקנו הרה"ק משאץ זי"ע**

**ולהסבים החשובים של הכלה שתחי'**

**האדמו"ר ממעליץ שליט"א אשדוד והאדמו"ר מדעש שליט"א בני ברק**

יהי רצון מלפני אבינו שבשמים שהזיווג יעלה יפה יפה ויתברכו בחיי אריכי ומזוני רויחי ובנין ברוכי בדורות ישרים ומבורכים, ולראות מכל יוצ"ח רב נחת דקדושה, לתפארת שלשלת הקודש עד ביאת הגואל בב"א.

**מערכת**

**מַיין שַׁבָּת אוֹצָר**

### מיטהאלטן א שמחה פון א רבי'ן פון דערווייטענס

צוליב'ן מצב אויף דער וועלט, וואס מיר האפן אז ביז דעמאלט וועלן מיר שוין אויפגעראכטן ווערן מיט די גאולה שלימה במהרה, גרייטן זיך פילע בעלזער חסידים דאסמאל מיטצוהאלטן די גרויסע שמחה פון דערווייטענס.

אינעם וואונדערבארע ספר "בית נאמן בישראל" אויף עניני נישואין, שרייבט ער: ס'איז נהוג ביי חסידים, אז די וואס האבן נישט געקענט מיטהאלטן בפועל א חתונה בבית רבותינו הקדושים, האבן מיטגעהאלט די שמחה בריחוק מקום וקירוב לבבות, און האבן אפגעראכטן א מסיבת מרעים לכבוד די שמחה אלס השתתפות אינעם רב'ס שמחה, און דערביי געזינגען שירות ותשבחות צו השי"ת, און געוואונטשן די בעלי השמחה מיט אלע ברכות.

ער צייכענט אן וואס מיר געפונען אין "שאלות ותשובות רבי עקיבא איגר", אז אינעם טאג פון די חתונה פון רבי עקיבא איגר וואס איז פארגעקומען אין די שטאט ליסא, האט זיין פעטער הגאון רבי וואלף איגר געמאכט אין זיין ישיבה אין ברעסלוי, וואו דער חתן איז געווען א תלמיד, א יומא טבא לרבנן מיט א גרויסע סעודה. רבי וואלף שרייבט אז אלע חכמי העיר זענען געקומען זיך מיטפרייען און האבן דערביי ארויסגעוויזן זייערע געוואלדיגע אהבה צום חתן. זיי האבן געלויבט השי"ת בשירה ובזמרה אויף די שידוך און דערויף וואס ער האט זוכה געווען צו ווערן אן איידעם אין א שטאט וואס איז פול מיט תלמידי חכמים וואס וועלן וויסן אים ריכטיג אפצושאצן.

רבי וואלף איגר שרייבט צו רבי עקיבא איגר א הלכה'דיגע שאלה אין וואס מ'האט עוסק ביי די מסיבה, צו כתיבה איז ווי דיבור, דהיינו ווען א מענטש שרייבט א בריוו אין די ימי הספירה איידער ער דאווענט מעריב, און שרייבט אלס דאטום דעם יום הספירה, צו קען ער דערנאך ציילן ספירה מיט א ברכה, נאכדעם וואס ער האט שוין געציילט בכתב. רבי עקיבא איגר שרייבט צוריק צו רבי וואלף באדאנקענדיג זיך אויף די סעודה וואס מ'האט אפגעראכטן לכבודו, און אויף די ברכות פון די געהויבענע תלמידי חכמים וואס וועלן זיכער נושא פירות זיין. ער ענטפערט מיט א תשובה בהלכה אויף די דערמאנטע שאלה. דער חליפת מכתבים ציהט זיך עטליכע סימנים.

די וועלט זאגט, אז דייקא פונעם מסיבה וואס איז געווען בריחוק מקום פון די חתונה, איז פארבליבן אויף אייביג אזא יסודות'דיגע משא ומתן בהלכה. דאס ווייזט ווי שטארק ס'איז דער כח פון אפרעכטן פון דערווייטענס א שמחה לכבוד א תלמיד חכם, והוא הדין א שמחה וואס מ'מאכט פון דערווייטענס לכבוד רבו שלמדו ומלמדו

<<<<<

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם...על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון הרימו בכח קולך מבשרת ירושלים...



## בית צדיקים יעמוד

<<<<<

תורה ומביאו לחיי העולם הבא.

### מסיבת מרעים אין אמעריקא בעת די חתונה פון בילגורייער רב זי"ע

ווען הגה"ק דער בילגורייא רב זי"ע האט חתונה געהאט אין ארץ ישראל, האבן די בעלזער חסידים אין אמעריקא אפגראכטן א מסיבת מרעים אין שטוב פון הרה"צ רבי מענדעלע הלברשטאם מגארליץ זצ"ל, אן אייניקל פון כ"ק מרן מהר"י זי"ע. פון דארט האבן זיי געשיקט א טעלעגראם מיט א ברכת מזל טוב צום "מחותן" כ"ק מרן מהר"א זי"ע. דער בילגורייא רב האט זיי באדאנקט אין א בריוו שרייבענדיג: מיר האבן ערהאלטן דעם טעלעגראם פונעם סעודת מרעים וואס איז אפגערעכטן געווארן לכבוד מיין חתונה. ס'האט פארשאפן א גרויסער הנאה פאר כבוד קדושתו שליט"א [מרן מהר"א זי"ע] און פאר מיר אויך. ביים שבע ברכות וואס איז פארגעקומען אין פתח תקוה מאנטאג בהשתתפות כבוד קדושתו שליט"א, האט מען הויעך פארגעליינט דעם טעלעגראם מיט אלע אונטערגעשריבענע נעמען...".

### התכנסות החסידים אין אמעריקא בעת נישואי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אין חודש אדר א' תשכ"ה, אין די שנות היתמות נאכן הסתלקות פון מרן מהר"א זי"ע, איז די חתונה פון יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א געווען א שטארק חיזוק און עידוד פאר בעלזער חסידים אומעטום, אז "בית צדיקים יעמוד". ס'זענען געפארן פון אמעריקא א גרופע חסידים אויף די חתונה, און לכבודם זענען ארויסגעפארן צוויי גאנצע באסעס פון חסידים פון וויליאמסבורג זיי צו באגלייטן צום עירפארט. דארט אין עירפארט זענען די חסידים ארויס אין א ריקוד אז מ'איז זוכה צו א בעלזער חתונה.

שבת פ' תצוה, זענען אין אלע בעלזער שטיבלעך אפגעראכטן געווארן גרויסע קידושים לכבוד די שמחת האויפרוף, און ס'האט געהערשט אין די שטיבלעך אן אטמאספערע פון יום טוב. אינעם שטיבל אויף די איסט-סייד (מאנהעטן, וואו ס'איז געווען בימים ההם א גרויסע קיבוץ אידן), איז דעמאלט געווען גבאי דער באקאנטער חסיד ר' שלו' שוחט ז"ל, וועלכער איז געווען דער זקן החבורה, זייענדיג דער לעצטער וואס איז נאך געפארן צו מרן מהר"י זי"ע אלס יונגערמאן. ר' שלו' האט צוגעשיקט צום עמוד א גוט'ן בעל תפילה ווי יום טוב, און האט אים געהייסן זינגן "הכל יודוך" ווי ס'איז דער מנהג אין ראפשיץ. ער האט מסביר געווען, אז מוסיף צו זיין און זינגן "ממקומך" איז נישט גענוג ארויסצוברענגען אזא שמחה!

ביום החתונה זענען זיך בעלזער חסידים פון אמעריקא צוזאמגעקומען אויף א סעודת מצוה אינעם שטיבל אין וויליאמסבורג. ס'איז געווען א מורא'דיגע מעמד פול מיט שמחה און התרגשות. בראש השלחן זענען געזיצן כ"ק אדמו"ר מפאפא ה"ויחי יוסף" זצוק"ל און כ"ק אדמו"ר מפאלטישאן רבי אלעזר טווערסקי זצוק"ל, וועלכער איז געווען אן אייניקל פון כ"ק מרן מהר"י זי"ע און איז נתגדל געווארן אין בעלזא. דער פאליטשאנער רבי זצוק"ל האט ביי די סעודה געהאלטן א דרשה מיט גרויסע בכיות פון התרגשות. ער האט זיך דערביי אויסגעדרוקט: "קיין שום מניעה וואלט מיר נישט צוריק געהאלטן פון פארן אויף די חתונה, עס ווילן דאך דארט זיין מיינע הייליגע זיידעס מרן מהר"ש און מרן מהר"י און מיין פעטער מרן מהרי"ד און נאך און נאך! ס'איז נאר וואס דער דאקטאר האט באפוילן אז אלס געזונט קען איך נישט מאכן אזא נסיעה... *(פון די זכרונות פון הרה"ח ר' יוסף לאנגסאם שליט"א, קובץ אור הצפון ל"ב).*

**יהי רצון אז מ'זאל זיך קענען ריכטיג מקשר זיין מיט אונזערע הייליגע רבי'ס, און זיי זאלן זיך מיט אונז מקשר זיין און אויף אונז משפיע זיין כל מיני השפעות טובות אמן.**

***

## מתורת רבותינו אויף די פרשה

*המשך מעמוד א'*

ביהמ"ק "**בית**" וואס באטרעפט 412—אזוי ווי פיהר מאהל "מחנה". משה רבינו מיט זיינע תפילות האט מוסיף געווען נאך א "מחנה" פון מלאכים און געבויט דעם דאך פון ביהמ"ק. דעריבער שטייט "**ואתחנן**" וואס באטרעפט 515—אזוי ווי פינעף מאהל "מחנה". **כ"ק מרן מהר"י זי"ע** האט געגעבן צו פארשטיין דעם המשך פונעם פסוק: "**אתה החלות להראות את עבדך את גדלך וגו'**"...משה רבינו האט געזאגט: די האסט מיר געוויזן דעם בנין ביהמ"ק השלישי אין הימל—"**אעברה נא ואראה את הארץ הטובה וגו' והלבנון**"—וואס **איז** בית המקדש. בעהט איך דיך, איך זאל אויך זעהן דעם ביהמ"ק של מטה אין ארץ ישראל. *(כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע)*

### ואתחנן אל ה' בעת ההוא לאמר. (ואתחנן ג:כג)

***"בעל הטורים: "ואתחנן" (515) איז בגימטריא "שירה" (515),—משה רבינו האט געזאגט שירה, כדי דער באשעפער זאל צוהערן זיין תפלה".***

דאס איז א רמז צו דעם וואס כ"ק מרן מהר"י זי"ע האט געטייטשט דעם פסוק (תהלים קו:מד): "וירא בצר להם בשמעם את רנתם",—א סגולה אז די תפילה זאל נתקבל ווערן איז, ער זאל זאגן זיין תפילה און בקשה בדרך שירות ותשבחות, און דאס ערקלעהרט דער פסוק אז דורכ'ן הערן זייער רנה ושירה, האט דער באשעפער געזעהן זייער ענגשאפט און אנגענומען זייער תפילה אויף זייער צרה, און דאס איז די סמיכות ביים דאווענען: "ועונה לעמו ישראל בעת שועם אליו, תהלות לאל עליון גואלם",—דאס וואס די תפילות פון אידישע קינדער ווערן געענטפערט ווען זיי שרייען צום באשעפער, איז צוליעב "תהלות לאל עליון",—וואס מהללים ומשבחים דעם הייליג'ן באשעפער. *(הגה"ק מהר"ם מבילוגרייא זי"ע)*

### ואהבת את ד' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך... (דברים ו:ה)

אין פסוק שטייט: "**ובכל מאדך**", און אין פ' עקב שטייט: "**בכל לבבכם ובכל נפשכם**", און ס'שטייט נישט: "**ובכל מאודכם**". דער הסבר קען זיין, לויט וואס די גמרא (ברכות סא:) זאגט;, "**אם נאמר בכל נפשך למה נאמר בכל מאדך וכו', ואם יש לך אדם שממונו חביב עליו מגופו, לכך נאמר בכל מאדך**",—דעריבער שטייט "**בכל נפשך**" און "**בכל מאודך**", ווייל ס'זענען פארהאן מענטשן, וואס ביי זיי איז דאס געלד מעהר באליעבט ווי זייער נפש. אבער דאס קען נאר זיין ביי א יחיד. דערפאר שטייט: "**בכל לבבך ובכל נפשך**", אבער אין פ' עקב רעדט מען צו א רבים: "**בכל לבבכם ובכל נפשכם**",—און ביי א רבים איז נישט שייך צו זאגן: "**שממונם חביב עליהם מגופם**", דערפאר שטייט דארט נישט: "**ובכל מאודכם**". *(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

### רק השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח... יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב (ואתחנן ד:י).

דארף מען פארשטיין וואס איז דער ענין פון געדענקען "יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב", דער חיוב איז דאך צו געדענקען דעם עצם געבן פון די תורה, און נישט דעם טאג וואס מ'האט געגעבן די תורה? נאר חז"ל (שבת פז.) זאגן "הוסיף משה יום אחד מדעתו והקב"ה הסכים עמו",—משה רבינו האט צוגעלייגט איין טאג צום יום טוב און דער באשעפער האט איינגעשטימט מיט אים, און פון דעם איז איינגעווארצלט געווארן די אמונה און כח פון די חכמי ישראל, גוזר צו זיין און מבטל צו זיין גזירות אזוי ווי זיי פארשטייען, אזוי ווי דער פסוק (שמות יט:ט) זאגט: "וגם בך יאמינו לעולם". דעריבער זענען מיר באפוילן געווארן צו געדענקען דייקא "יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב",—דעם טאג וואס איז באשטימט געווארן דורך משה רעיא מהימנא, און דער באשעפער האט מסכים געווען צו אים, כדי איינצוקריצן און איינצוווארצלען אינעם הארץ און מח דעם "ויאמינו בה' ובמשה עבדו" (שמות יד:לא), און דער גרויסער כח פון די חכמי הדורות. *(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מבעלזא סעודה ב' תשל"ז)*

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם...על הר גבה עלי לך מבשרת ציון הרימו בכח קולך מבשרת ירושלים...



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר



## מַיין גֶעדַאנק אוֹיף דִי פַּרָשָׁה

### ואתחנן אל ה' בעת ההיא לאמר (ואתחנן ג:כג)

חז"ל (מדרש דב"ר ב') זאגן אויפ'ן פסוק (תהלים כז:יד) "קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה'", אז א איד דארף האלטן אין איין האפן צום באשעפער, און אויב האט ער געדאוונט צום באשעפער און זיין תפילה איז נישט געענטפערט געווארן פון הימל, זאל ער נאכאמאהל דאווענען, ווי דוד המלך לערנט אונז טאקע "קוה אל ה'" און נאכאמאהל "וקוה אל ה'". דאס איז די כוונה פון משה רבינו דא, "ואתחנן אל ה' בעת ההיא "לאמר",—איך האב געפלאנט צו דאווענען נאך און נאך, און נישט אויפגעבן אויף מיין בקשה. נאר וואס זאל איך טוען אז דער באשעפער האט מיך געהייסן אויפהערן, און באפוילן, "רב לך אל תוסיף דבר אלי עוד", אז איך זאל מער נישט בעהטן, אבער ווען נישט דאס, וואלט איך געדאווענט און געדאווענט וויפיהל ס'גייט נאר. *("אך פרי תבואה")*

### ואתחנן אל ה' בעת ההוא לאמר...רב לך אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה (ואתחנן ג:כג,כו,)

מ'דארף פארשטיין, משה רבינו האט זיך געבעהטן ביים באשעפער אז ער וויל אריינגיין קיין ארץ ישראל, און דער באשעפער זאגט אים "אל תוסיף דבר אלי עוד בדבר הזה", איז דען דאס אן ענטפער פאר משה רבינו וואס שטייט און בעהט זיך אזוי שטארק אז ער וויל אריינגיין קיין ארץ ישראל? נאר מ'קען זאגן פשט אזוי. משה רבינו האט זיך געבעהטן צו קענען אריינצוקומען קיין ארץ ישראל, ווייל ער האט געוואלט שטענדיג מקיים זיין א מצוה פון וואוינען אין ארץ ישראל. האט אים דער באשעפער געזאגט: דו זוכסט'ס א מצוה צו קענען שטענדיג מקיים זיין? איך געב דיר אזא מצוה, "אל תוסף דבר אלי",—אויב דו ווערסט נישט רעדן צו מיר וועגן אריינגיין קיין ארץ ישראל, ווערסטו שטענדיג מקיים זיין א מצוה.

*(האדמו"ר רבי שלמה מבאבוב בעל "דברי שלמה" זצ"ל)*

### כבד את אביך ואת אמך כאשר צוך ה' אלקיך (ואתחנן ה:טז)

פארוואס שטייט נישט אין די ערשטע עשרת הדברות (אין פ' יתרו) די ווערטער "כאשר צוך ה' אלקיך"? נאר די הלכה איז מ'דארף נישט פאלגן א טאטע און א מאמע אויב זיי הייסן טוען זאכן וואס מ'טאהר נישט, ווי ח"ו הייסן מחלל שבת זיין א.ד.ג. דאס זאגט דער פסוק, "כבד את אביך ואת אמך",—דו זאלסט פאלגן דיין טאטע און מאמע, "כאשר צוך ה' אלקיך",—נאר אזעלכע זאכן וואס די תורה לאזט טוען. ווען דער באשעפער האט געזאגט די עשרת הדברות איז נאכנישט געווען קיין תורה, האט ער נישט געקענט זאגן "כאשר צוך",—ווייל ער האט נאכנישט באפוילן, אבער ביי די צווייטע "עשרת הדברות" ווען די אידן האבן שוין געהאט די תורה פון פריער, האבן זיי שוין געוואוסט וואס מ'טאר נישט טוען, דריבער שטייט שוין "כאשר צוך". *(קדושת לוי)*

### לא תשא את שם ה' אלקיך לשוא, כי לא ינקה ה' את אשר ישא את שמו לשוא (ואתחנן ה:יא)

מ'דארף פארשטיין פארוואס ביי אלע זינד העלפט תשובה, אויסער ביי די זינד פון שבועת שוא. דער תירוץ איז ווייל ווען א מענטש זינדיגט גייט זיין האנט ארויף בייניאכט אין הימל און שרייבט אריין די זינד אינעם ספר הזכרונות, למשל, אויב האט ער געגעסן חזיר פלייש ר"ל, שרייבט די האנט "איך פלוני בן פלוני האב געגעסן חזיר פלייש", און ווען ער טוהט תשובה אויף די עבירה, מעקט מען אויס די שורה פונעם ספר הזכרונות און ס'בלייבט נישט קיין שום צייכן דערפון. אבער ווען איינער שווערט אויף פאלש שרייבט ער אריין "איך האב געשוואוירן פאלש בשם ה'" אפילו אויב ער טוהט זייער עהרליך תשובה, קען מען נישט אויסמעקן די שורה פונעם ספר הזכרונות, ווייל מ'טאהר נישט אויסמעקן דעם באשעפער'ס נאמען, דעריבער מוז מען דארט איבערלאזן די ווערטער "בשם ה'". דאס איז פשט "כי לא ינקה ה'",—ווייל דעם נאמען פונעם באשעפער קען מען דאָך נישט אויסמעקן. *(הרה"ק רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זצוק"ל)*

## מַיין טִיפֶערֶע גֶעדַאנק אוֹיף דִי פַּרָשָׁה

### יום אשר עמדת... ותקרבון ותעמדון תחת ההר (ואתחנן ד:י-יא).

דער מדרש (שמו"ר כט) זאגט: אז די אידן האבן געזאגט פאר משה, "רצוננו לראות את מלכנו",—מיר ווילן אליין זעהן דעם באשעפער, און הערן פון אים אליין די עשרת הדברות. פרעגט דער מדרש. "וכי נותנים לתינוק מה ששואל",—צי-דען גיט מען נאך פאר א קליין קינד אלעס וואס ער בעהט? ענטפערט דער מדרש: דער באשעפער האט געזעהן אז די אידן וועלן מאכן דעם עגל, און כדי זיי זאלן נישט קענען טענה'ן. אז ווען זיי וואלטן געזעהן דעם כבוד פון באשעפער און אליין געהערט זיין קול, וואלטן זיי נישט געזינדיגט, האט זיי דער באשעפער נאכגעגעבן און זיי דאס באוויזן ע"כ דברי המדרש.

מיר ווייסן אז ווען די אידן זענען בשלימות. ווערן זיי אנגערופן איינס, איין נפש, אזוי ווי ס'שטייט "ויחן שם ישראל נגד ההר", מיט א לשון יחיד. אויך איז באוואוסט (שבת פח.) אז "כפה עליהם הר כגיגית",—דער באשעפער האט זיי באדעקט מיט'ן בארג, און זיי געצוואונגען מקבל צו זיין די תורה. פרעגט דארט תוספות, זיי האבן דאך אנגענומען די תורה מיט'ן אייגענעם ווילן, זיי האבן דאך געזאגט "נעשה ונשמע"? ענטפערט תוספות, ווייל אפשר אז זיי וועלן זעהן דעם גרויסן פייער, וועלן זיי חרטה האבן, האט ער זיי געצוואונגען דערצו.

מ'קען זאגן אז דאס זאגט דער פסוק: "**יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב**", ס'שטייט א לשון יחיד, ווייל אידן זענען געווען אין א גרויסע מדריגה, זיי האבן געזאגט 'נעשה ונשמע', מ'האט זיי נישט געדארפט באדעקן מיט א בארג, כדי זיי צו צוואונגען מקבל צו זיין די תורה, זיי זענען געשטאנען, "**לפני ה' אלקיך בחורב**",—נעבן דעם בארג, נישט אונטער'ן בארג. אויך האבן זיי געזאגט: "רצוננו לראות את מלכנו",—מיר ווילן זעהן און הערן אליין. דערפאר זאגט דער פסוק ווייטער "**באמור ה' אלי הקהל לי את העם ואשמיעם את דברי**",—איך וועל זיך באווייזן פאר זיי און זיי אליין מאכן הערן מיינע רייד. כאטש ס'קומט זיי דאס נישט (מ'גיט נישט פאר א קינד וואס ער וויל. ווי דער מדרש זאגט), אבער צוליעב "ליראה אותי כל הימים",—זיי זאלן מורא האבן פאר מיר שטענדיג, זיי זאלן נישט מאכן דעם עגל, וועט זיין די תוצאות "אשר הם חיים", אז ווען זיי לעבן, וועלן זיי זיין "על האדמה", זיי וועלן נישט זיין אין גלות. אבער צוליעב דעם וואס איר האט געזעהן דעם גרויסן פייער, האט איר חרטה געהאט, און איר האט פארלוירן די מדריגה, האט ער שוין געדארפט צוואונגען מיט'ן בארג. און דאס איז דער באדייט פון "**ותקרבון**",—א לשון רבים (איר זענט שוין אסאך), ס'פעהלט אייך שוין די שלימות פון זיין איין נפש, "**ותעמדון תחת ההר**",—איר זענט געשטאנען אונטערן בארג. דער בארג איז אויף אייך, ווייל "וההר בוער באש", איר האט זיך דערשראקן (פון פייער), און אייער הארץ האט זיך איבערגעקעהרט, האט מען געדארפט אייך באדעקן מיט'ן בארג, אייך צו צוואונגען, מקבל צו זיין די תורה. *(מלא העומר)*

## מַיין גֶעדַאנק אוֹיף דִי פַּרָשָׁה

‹‹‹‹‹

### על לבבך ושננתם לבניך ודברת בם וגו'. (ואתחנן ו:ו)

די גמרא (יומא יט:) זאגט: "ווער ס'רעדט שיחת חולין, איז עובר אויפ'ן עשה פון "ודברת בם",—'בם' ולא בדברים אחרים". מ'דארף רעדן נאר דברי תורה און נישט דברי חולין. תורה שבכתב הויבט זיך אהן מיט א "ב" פון "**בראשית**". תורה שבעל פה [מסכת ברכות די ערשטע מסכתא פון ש"ס], הויבט זיך אהן מיט א מ' פון "**מאימתי**". די ב' און מ' צוזאמען איז "**בם**". דאס זאגט דער פסוק: "ודברת בם",—מ'זאל רעדן נאר פון תורה שבכתב און תורה שבעל פה, "ולא בדברים אחרים". *("קול אליהו")*

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם...על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון הרימי בכח קולך מבשרת ירושלים...



# מײַן שבת אוצר



## מײַן אוצר פון צדיקים און חסידים...

### זאג וואס דו געדענקסט!

**ונשמרתם מאוד לנפשותיכם (ואתחנן ד:טו)**

אין ספר "בקודש פנימה" ווערן געברענגט אזוי: כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע פלעגט זיך פיהרן, אז ווען ער האט זיך נישט גוט געשפיהרט, האט ער געבעהטן מ'זאל רופן צו אים א דאקטער, אבער למעשה האט זיך מרן זי"ע באצויגן צו זיינע עצות און מעדעצינען ווי בלויז א גוטע עצה, זיי אויסגעהערט יוצא צו זיין דעם חוב און צוליעב'ן דרך העולם, אז מ'דארף רופן א דאקטער ווען מ'שפיהרט זיך נישט גוט. [ס'איז קלאהר און פארשטענדליך אז מ'קען זיך דערפון נישט לערנען קיין הוראה זיך אזוי צו פיהרן, ווייל די תורה זאגט דאך (ואתחנן ד:טו): 'ונשמרתם מאוד לנפשותיכם',] נאר מרן זי"ע מיט זיין גרויסע קדושה, זענען נישט חל געווען די געוועהנליכע נאטורליכע געזעצן און די ווערטער זענען נישט געזאגט געווארן פאר אזעלכע מלאכים ווי ער. מרן זי"ע האט אמאהל געזאגט פאר'ן גבאי'ן הרה"ח רבי שלום פויגל ז"ל, אז ער שפיהרט זיך נישט אזוי גוט, און ער האט מורא אז דער מיחוש איז אים געקומען צוליעב אן עין-הרע, און ווי זיין הייליגער לשון: 'א גוט אויג'... און ער האט געבעהטן פון רבי שלום אז ער זאל זאגן דעם לחש קעגן עין-הרע. אבער רבי שלום האט נישט געדענקט דעם לחש, און מרן זי"ע האט איבערגע'חזר'ט זיין בקשה און אים געבעהטן ער זאל זיך פרובירן נאכאמאהל צו דערמאנען. א צווייטער גבאי זעהענ'דיג אז רבי שלום קען זיך נישט דערמאנען דעם לחש, האט ער פארגעשלאגן פאר מרן זי"ע אז מ'קען אריינקוקן אינעם ספר 'טעמי המנהגים', ווייל דארט ווערט געברענגט א לחש קעגן עין-הרע. אבער מרן זי"ע האט נישט מסכים געווען אז מ'זאל עפענען דעם ספר וכדרכו בקודש, ווייל נישט אלעמאהל האט ער מסכים געווען אז מ'זאל ארויסנעמען א ספר פונעם ספרים-שאפע, נאר ער האט געבעהטן אז מ'זאל זאגן וואס מ'געדענקט, און מיט זיין הייליגן לשון: "ניין, ניין, זאג וואס דו געדענקסט!"




### לערנען תורה ביים אויפשטיין און ביי זיך לייגן שלאפן

**ודברת בם בשבתך בביתך...ובשכבך ובקומך וגו'. (ואתחנן ו:ז)**

דער הייליגער **"חתם סופר"** זצוק"ל, איז אמאהל איינגעשטאנען אין די שטאט וויען צוזאמען מיט א גרויסן עושר א תלמיד חכם פון די שטאט פרעשבורג. דער עושר איז געווען די גאנצע צייט פארנומען מיט זיינע פארצווייגטע געשעפטן און ער האט נישט געהאט קיין צייט צו לערנען, אזוי ווי ביי זיך אינדערהיים. דעם "חתם סופר" האט דאס זייער נישט געפאלען און ער האט דעם עושר מוכיח געווען פארוואס ער לערנט נישט. דער עושר האט זיך פארענטפערט אז די געשעפטן אין די גרויסע שטאט ערלויבט אים נישט קיין צייט צו קענען לערנען. האט אים דער "חתם סופר" געזאגט איך וועל דיר געבן אן עצה פון די הייליגע תורה, און ער האט געטייטשט דעם פסוק אזוי: **"ודברת בם"**,—דו קענסט לערנען א גאנצען טאג. **"בשבתך בביתך"**—ווען דו געפינסט דיך אינדערהיים און דו ביזט נישט פארנומען מיט דיינע געשעפטן. **"ובלכתך בדרך"**,—אבער ווען דו ביזט אינטערוועגנס און דו ביזט פארנומען מיט דיינע געשעפטן וואס זאלסטו טוען? **"ובשכבך ובקומך"**,—פאר די לייגסט דיך שלאפן ביינאכט און ווען דו שטייסט אויף אינדערפרי באלד נאך ברכת התורה, כאפ אריין עפעס צו לערנען, וועט דיין טאג נישט אדורכגיין אהן תורה. ווייל אויב דו וועסט נישט לערנען איין טאג וועסטו שוין במילא נישט לערנען דעם אנדערן טאג און אזוי ווייטער. הער צו מיין עצה, וועט דאס ווערן ביי דיר א געוואוינהייט און ס'וועט דיר זיין גוט דיין גאנץ לעבן.

### תפילין א סגולה פאר קינדער

**והיו לטוטפות בין עיניך וגו' (ואתחנן ו:ח)**

איד איז אמאהל געקומען צו הרה"ק רבי איציק'ל מסקווירא זי"ע ער זאל אים בענטשן מיט קינדער. האט אים דער צדיק געשיקט צו זיין זוהן הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל פון מאכנובקא זי"ע, ער זאל ביי אים בעהטן א ברכה ווייל ער לערנט תורה לשמה. פונקט דעמאלט האט זיך הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל, גענויטיגט אין א סומע געלד אויף צו קויפן פאר זיין בר מצוה בחור, א פאהר תפילין וואס זענען געשריבן געווארן ביים בעש"ט'ס סופר. ווען דער איד איז אריינגעקומען צו הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל, און געבעהטן א ברכה אויף קינדער, האט אים דער צדיק געזאגט, אויב דו וועסט מיר געבן די סומע געלט וואס איך נויטיג זיך אויף צו קויפן די תפילין, וועל איך דיר געבן א ברכה. דער איד האט גלייך מסכים געווען און דער צדיק האט אים אנגעוואונטשן. ווען זיין פאטער הרה"ק רבי איציק'ל האט זיך דערוואוסט דערפון האט ער געפרעגט זיין זוהן פון ווי ער האט גענומען די סגולה? האט אים הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל געענטפערט: ס'שטייט דאך אין פסוק "והיו לטוטפות" אויב מען גיט געלט פאר תפילין, איז מען זוכה צו "בין",—א זוהן. און דער איד איז טאקע געהאלפן געווארן.

### געהייליגט זיין קערפער

**וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך (ואתחנן ו:ט)**

נאך די פטירה פון זיין רבי'ן רבי ר' מענדל'ע פון רימנוב זי"ע, ווען דער רבי ר' הערש פון רימנוב זי"ע איז געווארן רבי, האט ער זיך איינגעמאלדן צו קומען באזוכן דעם "ישועות יעקב", דער לעמבערגער רב. דער "ישועות יעקב", וואס האט אים נאכנישט געקענט, האט זיך אנגערופן צו זיינע שטוב מענטשן: "א משרת איז אויך געווארן א רבי?" און ער האט באפוילן אז ווען דער נייער רימנובער רבי וועט קומען, זאל מען ארויסטראגן אלע בענקלעך פון צימער... ווען דער רבי ר' הערש איז אנגעקומען, און ער האט געוואלט קושן די מזוזה, האט ער באלד אוועק געכאפט זיין האנט ווי ער וואלט זיך אפגעבריהט. אזוי האט זיך דאס איבער גע'חזר'ט עטליכע מאהל... האט זיך דער "ישועות יעקב" אנגערופן: איר ווילט פסל'ן מיינע מזוזות? קוים עטליכע וואכן צוריק האט אן עהרליכער סופר איבערגעקוקט אלע מזוזות און זיי זענען כשר!" און דער "ישועות יעקב" האט באפוילן אראפצונעמען די מזוזה און זיך איבערצייגן אז ס'איז כשר. אבער אזוי ווי מ'האט געעפענט די מזוזה, איז זיי טונקל געווארן אין די אויגן, די מזוזה איז געווען אינגאנצן פסול... ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז נאכ'ן בודק זיין, ווען מ'האט צוריק ארויפגעלייגט די מזוזה, האט מען ביים אריינקלאפן דעם נאגל, דורכגעלעכערט די מזוזה און ס'איז געווארן פסול. דער "ישועות יעקב" איז איבערראשט געווארן פון דעם אפענעם רוח-הקודש פונעם חשוב'ן גאסט, און ער האט באפוילן מ'זאל געשווינד אריינברענגען א בענקל פאר'ן רימנובער רבי. די צוויי גדולים האבן זיך אוועק געזעצט און געשמועסט מיט גרויס שעצונג און ליעבשאפט. אינצווישן פרעגט דער "ישועות יעקב" פון וואנעט האט איר געוואוסט אז די מזוזה איז פסול, איז דאס רוח-הקודש? האט רבי ר' הערש געענטפערט מיט גרויס באשיידנקייט, איך האב איבערהויפט נישט געוואוסט אז די מזוזה איז פסול...נאר וויבאלד איך האב געהייליגט אלע מיינע גלידער אז זיי זאלן ציהען בלויז צו א דבר-מצוה, איז ווען איך האב אויסגעשטרעקט מיין האנט צו קושן די מזוזה, האב איך געשפיהרט אז די האנט ציהט נישט צו דעם, ווי געוועהנליך, האב איך פארשטאנען אז עפעס טויג נישט מיט די מזוזה...

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם...על הר גבה עלי לך מבשרת ציון הרימי בכח קולך מבשרת ירושלים...



# מיין שבת אוצר

מיין אוצר...וואונדער פון די תורה...פ' ואתחנן


## דער איסור פון "לא תחנם"

### לא תכרת להם ברית ולא תחנם (ואתחנן ז:ב)

אין אונזער פרשה שטייט א באפעהל אז ווען אידן וועלן אריינקומען קיין ארץ ישראל, און פארטרייבן די שבעה עמים וואס דער באשעפער וועט איבערגעבן אין די אידישע הענט, דארף מען זיי מחרים זיין, **לא תכרת להם ברית ולא תחנם.**

דער פשוטער פשט פון "לא תחנם" איז ווי אונקלוס פארטייטשט: "לא תרחם עליהון", מ'טאהר נישט רחמנות האבן אויף די זיבן פעלקער ביים אריינקומען קיין ארץ ישראל. אבער חז"ל האבן צוגעלייגט פארשידענע פירושים צום "לא תחנם" און גע'דרשנ'ט דערפון (עבודה זרה כ.) דריי הלכות וואס ווערן ארויסגעדרונגען פון דעם לאו פון "לא תחנם".

א) לא תתן להם חנייה בקרקע",—מ'טאהר זיי נישט פארקויפן א שטיקל לאנד אין ארץ ישראל ווי זיי וועלן קענען וואוינען.

ב) מ'טאהר זיי נישט בא'חנ'דלען, זיי אויסלויבן, מ'טאהר נישט זאגן "ווי שיין איז דער גוי" אדער "ווי שיין זענען זיינע מעשים".

ג) מ'טאהר נישט שענקען פאר קיין גוי אומזינסטע מתנות.

### טויטשן די נקודות לויט'ן דרש

די אויבנדערמאנטע דרשות אינעם פסוק ווערן גע'דרש'ענט מיט אנדערע נקודות אויף די ווערטער "לא תחנם", ד.ה. דער ערשטע איסור אז מ'זאל נישט לאזן די גויים רוהען אויף באדן אין ארץ ישראל, לערנט מען כאילו ס'וואלט געשטאנען "לא תַחֲנֵם".

דער איסור פון געבן א מתנה אומזיסט פאר א גוי, דארף מען טייטשן כאילו ס'שטייט "לא תְחָנֵּם". און דער איסור פון געבן חן פאר א גוי און זיינע מעשים ווערט גע'דרש'ענט כאילו ס'שטייט "לא תְחַנֵּם".

דער "רבינו בחיי" אין אונזער פרשה וואס ערקלעהרט די דריי וועגן, לייגט צו אז פון דעם לערנען מיר ארויס ווי גרויס ס'איז דער כוח התורה אז ס'ווערט גע'דרש'ענט אויף פארשידענע אופנים, און אפילו דעם זעלבן ווארט קען מען אפלערנען עטליכע וועגן.

ווי מיר ווייסן אז די אותיות זענען אזוי ווי א גוף, און די נקודות זענען ווי די 'נשמה' ווען געבן אריין א 'חיות' אין די אותיות, און אלעס ווענדט זיך אין די נקודות. און דער "רבינו בחיי" לייגט צו א חידוש, "ולכך היה הענין מוכרח בספר תורה שיהיה בלתי מנוקד, כדי שתתפרש התורה לכמה פנים מבלתי כוונת הפסוק",—אז דערפאר קען נישט א ספר תורה האבן אין זיך נקודות, כדי ס'זאל קענען גע'דרש'ענט ווערן אלע וועגן וואס דארפן אריינגעלערנט ווערן אין די ווערטער.

### די הארבקייט פונעם איסור

דער ספר החינוך (מצוה תכ"ו) ברענגט אלע דריי איסורים פון לא תחנם, און ער שרייבט אויף זיי "והכל שורש אחד" אז די תכלית און מטרה איז אלעס איינס, כדי מיר זאלן זיך דערווייטערן פון די גויים און נישט זעהן קיין שום תועלת און נאהנטקייט ביי די עובדי עבודה זרה. וויבאלד דאס איז דער נאטור פון א מענטש אז לויט ווי ער טראכט און ער רעדט, אזוי וועט ער טוען זיינע מעשים אויך, און דערפאר האט אונז די תורה אפגעזונדערט פון




די גויים און לאזט אונז נישט זיי באשיינען און מאכן בא'חֵנ'ט כדי מיר זאלן נישט וועלן ווערן נאהנט צו זיי און זיך אפלערנען פון זייערע שלעכטע וועגן. און ווער ס'איז עובר דערויף און איז יא משבח א גוי, זאגט דער חינוך, קיין מלקות באקומט מען נישט ווייל ס'איז א לאו שאין בו מעשה, אבער דער שטראף איז זייער גרויס ווייל די רייד קענען האבן א געוואלדיגע השפעה אויף מענטשן און אריינגיין אין זיי טיעף.

### נישט בענטשן א גוי

אגב, דא איז אויך דער מקור אז ביים בענטשן אויב ס'געפונט זיך א גוי אין שטוב זאל מען זאגן: "כן יברך אותנו כלנו יחד 'בני ברית' בברכה שלימה", ווייל מ'טאהר נישט בענטשן א גוי צוליעב'ן איסור פון לא תחנם. (זעה מג"א או"ח סי' קפ"ט סק"א).

### נישט געבן א מתנת חנם

מ'טאהר נישט געבן א מתנת חנם פאר א גוי, ווייל אלעס וואס ליגט ברשות ישראל איז בקדושה, און מיט דעם וואס מ'גיט דאס במתנה פאר א גוי אומזיסט, גייט דאס אריבער צו די טומאה. אויך צו נעמען צדקה פון א גוי טאהר מען נישט, ווייל דאס ברענגט א טומאה. אבער פאר געלט מעג מען פון זיי קויפן, ווייל אידיש געלט איז הייליג, און ווען מ'קויפט פון א גוי, א זאך פאר געלט גייט אריבער די קדושה פונעם געלט אויף די זאך אדער אויפ'ן דבר מאכל וואס דער איד האט אפגעקויפט, אזוי ווי ביי חילול ופדיון הקדש.

*(דרשות חת"ס, ח"ב דף ש"ז, ד"ה כתיב)*

### מ'זאל נישט דן זיין א גוי לכף זכות

מ'זאל נישט דן זיין א גוי לכף זכות. אבער אויב מ'שטייט פאר דעם גוי, מעג מען דאס יא טוען צוליעב דרכי שלום (ס'זאל נישט קומען צו קיין קריגעריי מיט די גוים). דער טעם פארוואס מ'זאל נישט דן זיין א גוי לכף זכות. ווייל דאס ווערט אריינגערעכנט אינעם לא תעשה פון "לא תחנם",—מ'טאהר נישט באשיינען א גוי". *(מקור היראה, ספר היראה אות רס"ד)*

### א אידישער שוסטער אין שטאט

אמאהל איז אנגעקומען א אידישער שוסטער אין די שטאט בעלזא, האט זיך כ"ק מרן מהר"ש זי"ע זייער געפרייט, און געהייסן מ'זאל געבן זיינע שיך צו פארעכטן ביים אידישן שוסטער. ווען מ'האט געפרעגט פון מרן זי"ע וואס די שמחה איז אזוי גרויס? האט מרן זי"ע געענטפערט. **"ביז אצינד ווען איך האב געגעבן די שיך צו פארעכטן צום גוי'ישן שוסטער, האב איך אלס מורא געהאט אז ער נעמט צופיהל געלט, קומט אויס אז איך בין עובר אויפ'ן לאו פון "לא תחנם". אצינד ווען ס'איז געקומען א שוסטער א איד, וואס ביי אים איז נישטא דער חשש אז איך וועל אים צופיהל באצאהלן, פארוואס זאל איך מיך נישט פרייען..."**

### יעקב אבינו האט נישט געוואלט עובר זיין אויף "לא תחנם"

אין איינע פון די באזוכן פון הגאון רבי אלחנן וואסערמאן זצ"ל אין ריגא, איידער ער האט פארלאזט די שטאט, האט ער געפרעגט זיין שוועסטער-קינד ר' הערש וואסערמאן, וויפיהל געלט מ'גיט א טיפ פאר די באדינערס פונעם האטעל צי א קליינע מטבע איז גענוג. האט זיך זיין קרוב געוואונדערט וואס ער פיהרט זיך מיט אזא קמצנות? האט רבי אלחנן געענטפערט: מיר געפונען ביי יעקב אבינו, ווען ער האט געשיקט מתנות פאר זיין ברודער עשיו, האט ער אנגעזאגט די שליחים, "ורוח תשימו בין עדר ובין עדר (וישלח לב:יז) כדי ס'זאל אויסזעהן א גרויסע מתנה, און די אויגן פון דעם רשע זאל געזעטיגט ווערן. לכאורה, וואס האט זיך יעקב געפיהרט מיט אזא קמצנות און נישט צוגעלייגט אויף די עדרים, ס'זאל באמת זיין אסאך? נאר עשיו האט געהאט א דין פון א גוי אויף וועמען ס'איז דא די אזהרה פון "לא תחנם", האט יעקב נישט געוואלט געשטרויכלט צו ווערן אין קיין מתנת חנם, און נישט צולייגן אויפ'ן הכרח מער ווי מ'מוז, ווילאנג ער קען דאס אנפיהלן מיט לופט ...

***

## מיין אוצר...פון רבוה"ק מבעלזא

### וקשרתם לאות על ידיך... (ואתחנן ו:ח)

#### • די הייליגע אויגן האבן געזעהן

ווען כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע האט זיך געפונען אין אונגארן, אין די שטאט פעסט, פלעגט הרה"ח ר' יהושע יאקאבאוויטש ע"ה אפט קומען אין הויז פון מרן זי"ע, און געזארגט פאר די געברויכן פון די שטוב. איין טאג האט זיך אים געמאכט אז א דרינגענדער ענין פון פיקוח נפש וואס צוליעב דעם האט ער נישט געקענט לייגן תפילין און דאווענען אינדערפרי, און ביז ער איז פארטיג געווארן איז שוין געווארן מיטאג



צייט, און ער איז גלייך געגאנגען צום שטוב פון מרן זי"ע. דער בילגורייער רב זי"ע און דער גבאי הרה"ח ר' דוד שפירא ע"ה, האבן אים העפליך ענטפאנגען, אלס אן הכרת הטוב פאר זיינע פיהלע לייסטונגען און באמיהאונגען פאר די שטוב פון מרן זי"ע. ווען ער איז אבער אריינגעקומען צו מרן זי"ע, און אויסגעשטרעקט זיין האנט צו נעמען שלו', האט מרן זי"ע ארומגעוויקעלט זיין הייליגע האנט מיט א האנטוך און אזוי אים געגעבן שלו', און ר' יהושע האט צוריק געגעבן די האנט. די זאך איז געווען א שטארקע רעטעניש ביי די שטוב מענטשן. האט דער בילגורייא רב זיך אנגערופן צו מרן זי"ע: "דאס איז יהושע, יענקל נירעדהאזער'ס זוהן," אבער מרן זי"ע האט גארנישט רעאגירט. ווען ר' יהושע איז ארויס געקומען פון צימער, האבן אים דער בילגורייא רב, און ר' דוד שפירא געוואלט מפייס זיין אויף דעם וואס ס'איז געשעהן. האט זיך ר' יהושע צו זיי אנגערופן: "זארגט אייך נישט, איך ווייס שוין גוט פארוואס מרן זי"ע האט מיר נישט געוואלט געבן די האנט נאר מיט א האנטוך, ווייל איך האב נאך היינט קיין נישט געלייגט תפילין און מרן זי"ע האט דאס געזעהן מיט זיינע הייליגע אויגן." און ר' יהושע האט דערציילט: אז זייענדיג א "תמיר ונעלם" כדי אויסצומיידן דאס דארפן דינען אין מיליטער, האבן אים די פאליציי געכאפט יענעם פרימארגן און ביז ער האט ערלעדיגט אז מ'זאל אים באפרייען איז שוין געווארן מיטאג צייט.

### וכתבתם על מזוזות ביתך... (ואתחנן ו:ט)

#### • נעמען דאס קינד פאר'ן שלאפן נעבן די מזוזה...

הרה"ח רבי אברהם שווארץ ז"ל פון ירושלים האט דערציילט: אמאהל האט אים א פרוי געבעהטן ער זאל אריינגיין צו כ"ק מרן מהר"א זי"ע און מזכיר זיין איהר זוהן וואס ס'כאפט אים אהן א פארכט און א שרעק ביינאכט, און ער קען נישט איינשלאפן. האט מרן זי"ע געהייסן "מ'זאל נעמען דאס קינד פאר'ן שלאפן נעבן די מזוזה, מ'דארף נישט האלטן דאס קינד אויף די הענט, ס'איז גענוג ער זאל שטיין ביים שוועל פון די טיהר, און מ'זאל אים זאגן אז יעך זאג, אז מ'דארף נישט מורא האבן פאר קיינעם נישט, נאר פאר'ן רבונו של עולם אליין".

#### • שטיין נעבן די מזוזה...

הרה"ח רבי דוד מאיר ווייס ז"ל דער געוועזענער 'בעל תפילה' אין בעלזא, דערציילט, אז איינע פון זיינע קינדער פלעגט זיך ביינאכט אויפוועקן פון שרעק קאשמארן. האט ער אים מזכיר געווען ביי כ"ק מרן מהר"א זי"ע. האט אים מרן זי"ע געהייסן: "יעדער נאכט זאל ער דאס קינד אוועק שטעלן נעבן די מזוזה, אבער ער זאל נישט אנריהרן די מזוזה אליין. פון דעמאלט אהן האבן זיך אויפגעהערט די שרעק קאשמארן". כאטש ער פלעגט דאס טוען מיט זיינע קינדער אויך פון פריער, אבער, אצינד ווען ער האט דאס מזכיר געווען ביי מרן זי"ע האבן זיך די קאשמארן אויפגעהערט.

#### • "געשטאנען אויף א פלאץ ווי מ'טוהט א מצוה".

ווען כ"ק מרן מהר"א זי"ע איז געפאהרן פון אונגארן קיין ארץ ישראל, האט זיך די באהן אפגעשטעלט אין בוקארעסט רומעניא. און אראפגייענדיג פון די באהן האט זיך מרן זי"ע אפגעשטעלט ביי די טיהר און אנגעהויבן שעפשען א תפילה מיט גרויס דביקות. דער בילגורייא רב זי"ע האט געוויזן פאר מרן זי"ע אז מ'דארף אראפשטייגן פון די באהן, [ווייל מ'האט אפגעהאלטן פאסאזשירן פון קענען אראפשטייגן] אבער מרן זי"ע איז ווייטער געבליבן שטיין ביי די טיהר. ווען מרן זי"ע האט פארענדיקט זיין הייליגע עבודה האט ער פארלאזט דאס פלאץ און איז אריין געפאהרן אין די שטאט בוקארעסט (צוזאמען מיט ש"ב דער פאלטישאנער רבי זצ"ל וואס איז געקומען ענטפאנגען מרן זי"ע אויפ'ן באנהויף). מרן זי"ע האט דערנאך געזאגט פאר'ן בילגורייא רב זי"ע אזוי: "ווען מ'קומט אין א שטאט ווי ס'וואוינען אידן, דארף מען איידער מ'קומט אריין אין שטאט מתפלל זיין אויף די גאנצע שטאט. האב איך מיך געשטעלט אויף א פלאץ ווי מ'טוהט א מצוה". ד.מ. ביי די טיהר פון די באהן ווייל א טיהר איז א פלאץ ווי מ'איז מקיים א מצוה, דעריבער איז דאס פלאץ ראוי און מסוגל אז די תפילות זאלן אנגענומען ווערן, כאטש בפועל איז דארט נישט געווען א מזוזה. *(שיח זקנים-מפי כ"ק אדמו"ר מפאלטישאן זצ"ל)*

#### • זיי בודק די מזוזות ביי א חסידי'שן סופר

ווען הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגאר זצ"ל האט געדינט אלס רב אין די "דיר יאסין" געגענט פון ירושלים, זענען ל"ע דארט קראנק געווארן זעקס קינדער אויף 'פאליא'. אין יענער צייט איז נאך נישט געווען מיטלען און מעדעצינען דאס צו קענען היילן. ס'איז ענטשטאנען א שרעק און א פאניק ביי די געטראפענע פאמיליעס און אין די גאנצע קהלה. איז ער געפאהרן קיין קטמון, צו כ"ק מרן מהר"א זי"ע, און זיך געבעהטן ממש בתחנונים ביי מרן זי"ע ער זאל וואונטשן א רפואה שלימה פאר די קראנקע קינדער. האט אים מרן זי"ע געשיקט ער זאל גיין בודק זיין די מזוזות ביי א 'חסידישן' סופר. האט ער געפרעגט, ווי וועט ער אצינד טרעפן אזא סופר א בעלזער חסיד? האט אים מרן זי"ע געענטפערט מיט א שמייכל: "דו מיינסט א חסידישער סופר איז נאר איינער וואס הויבט אהן ביי שלוש סעודות 'יצוה' [כמנהג בעלזא]? א חסידישער סופר איז איינער וואס ריהרט נישט די בארד. הגה"צ רבי יצחק שלמה האט באלד איבערגעגעבן די מזוזות בודק צו זיין ביי א חסידישער סופר, וואס ריהרט נישט די בארד, און אין עטליכע טעג ארום זענען די קינדער פולקאם געזונט געווארן. *(רשומים בשמיך)*

#### • "שטיין ביים שוועל איז גענוג..."

פאר אן אנדערן איד וואס האט מזכיר געווען זיין אינגע טאכטער וואס האט געליטן פון שרעק און פארכט, האט מרן זי"ע געהייסן: "יעדער נאכט פאר'ן גיין שלאפן זאל זי צוגיין און קישן די מזוזה". און מרן זי"ע האט צוגעלייגט, "זי מוז נישט שטיין אויף א בענקעל, ביים שוועל איז גענוג".

#### • "מ'דארף פאר קיינעם נישט מורא האבן נאר פאר ג-ט ברוך הוא אליין...."



הרה"ח רבי אברהם מענדעלאוויטש ע"ה, האט ביי א געלעגנהייט דערציילט: ער האט געהאט א שוועסטער וואס האט געוואוינט אין טברי'. אמאהל האט איר פיהר יעריג אינגעלע פלוצלינג אויפגעהערט צו רעדן, און ער האט נישט געקענט שלאפן ביינאכט. האט זי געבעהטן פון איר מאן אז ער זאל פאהרן צו כ"ק מרן מהר"א זי"ע, און בעהטן ברכה. איז דער מאן געפאהרן קיין תל אביב מיט'ן אינגעלע. ער האט אפגעגעבן א קוויטל פאר מרן זי"ע, און אים דערציילט וואס ס'האט פאסירט מיט זיין אינגעלע. האט אים מרן זי"ע געפרעגט "צו ס'דרייען זיך לעבן דיין שטוב ארבישע פרויען?" האט ער געענטפערט, יא! האט זיך מרן זי"ע אנגערופן, "ארבישע אויגן". "ארבישע אויגן". דערנאך האט מרן זי"ע גענומען דאס אינגעלע צו זיך און אים אוועק געשטעלט צווישן זיינע הייליגע פיס, און מרן זי"ע האט אים געגעבן א גלעטל אויפ'ן שטערן, און אים געפרעגט, "וואס איז דיר?" האט דאס קינד גלייך אנגעהויבן צו רעדן, און געענטפערט, "איך האב מורא". האט אים מרן זי"ע געזאגט: **"מ'דארף פאר קיינעם נישט מורא האבן נאר פאר ג-ט ברוך הוא אליין. האסטו געהערט?"**

מרן זי"ע האט געהייסן דעם פאטער ער זאל זעהן בודק צו זיין די מזוזות אין שטוב. דאס קינד איז צוריק אהיים געפאהרן מיט'ן פאטער, און שוין יענער נאכט איז ער געשלאפן רואיג אזוי ווי געוועהנטליך. דער פאטער האט געגעבן בודק צו זיין די מזוזות און מ'האט טאקע געטראפן אז א טייל פון די מזוזות האבן נישט געטויגט. *(שיח זקנים)*

***

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם...על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון הרימו בכח קולך מבשרת ירושלים...

(ד)

# הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זצוק"ל

## בעמח"ס "אך פרי תבואה"

### י"ד מנחם אב תרל"ד

**ואלה תולדות:** הרה"ק רבי צבי הירש פריעדמאן מליסקא באקאנט אלס "רבי הערש'לע ליסקא", איז געבוירן געווארן ט' אייר תקס"ח צו זיין פאטער הרב החסיד ירא שמים מרבים רבי אהרן, און זיין מוטער די צדיקית מרת שרה [באקאנט מיט'ן נאמען שרה די בעקערין]. זכר צדיקים לברכה.

**זוגתו:** הרבנית קריינטשא, די טאכטער פון רבי יצחק הכהן פון אוהעל, א גרויסע יראת שמים, כסדר געזאגט תהלים און א גרויסער בעלת הכנסת אורחים. זכר צדיקים לברכה.

**תולדותיו:** א) רבי אהרן. ב) ר' הערשל'ע האט געהאט זיבן זוהן און אלע זענען געשטארבן אינגערהייט. חתניו לוקחי בנותיו: א) מרת הענא אשת רבי יוזעאף גאלדבערגער. ב) מרת זלאטא אשת רבי אברהם שווארץ. ג) מרת חיי שרה אשת רבי חים פריעדלענדער מ"מ בליסקא ומח"ס "טל חיים" ו"טל חיים וברכה". זכר צדיקים לברכה.

**רבותיו:** "ישמח משה" מאוהעל. "דברי חיים" מצאנז. הרה"ק רבי צבי הערש מרימינוב. הרה"ק רבי מאיר'ל מפרימישלאן. הרה"ק רבי ישראל מרוזי'ן. מרן ה"שר שלום" מבעלזא. "זרע קודש" מראפשיץ. "אור לשמים" מאפטא. זכר צדיקים לברכה.

**ספריו:** "אך פרי תבואה" "הישר והטוב" "אור הישר והטוב".

**על כסא מלכותו:** ליסקא.

**מתלמידיו:** הרה"ק רבי ישעי'לי מקערעסטיר. הרה"ק רבי הערצקי'לע מראצפערט. רבי שמעון מקאמד. בעל 'בית שערים'. בעל קול ארי'. בעל "תבואות השדה". בעל "לבושי מרדכי". בעל "יד יצחק". בעל "בית היוצר". בעל "אבני אליהו". בעל "מעטה נפתלי". הרה"ק רבי משולם פייש מטאהש. ועוד. זכר צדיקים לברכה.

**פטירתו:** הרה"ק רבי הערשל'ע ליסקא איז נסתלק געווארן לגנזי מרומים י"ד אב תרל"ד, און ער איז נטמן געווארן אין אן אוהל אויפ'ן בית החיים אין ליסקא. זכר צדיקים לברכה.

## זיינע אינגע יאהרן

די עלטערן פון הרה"ק רבי הערשל'ע האבן פריער געוואוינט אין א דארף, און שפעטער זענען זיי אריבער וואוינען קיין אוהעל, וואו די צדיקת שרה פלעגט ארויסהעלפן אין די קאך ביים "ישמח משה" אין שטוב. ווען רבי הערשל'ע איז אלט געווען אכט יאר, כ' אב תקע"ו, איז זיין פאטער רבי אהרן נפטר געווארן. איז ער אלס יתום פארבליבן אונטערן חינוך פון זיין מאמע, וועלכע האט אים ערצויגן מיט גרויס איבערגעבנקייט. ווען ער איז עלטער געווארן האט אים זיין מאמע געטראגן אויף די פלייצע קיין דעמביץ אין פולין. דארט האט ער געלערנט ביי הרב הגדול רבי אברהם, וואס איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, בקי בד' חלקי שו"ע מיט אלע סעיפים. הרה"ק רבי הערשל'ע האט אים גערופן, "רבי ר' אברהם". שפעטער איז רבי הערשל'ע געפאהרן לערנען קיין באניהאד צום גאון אדיר רבי הירש חריף בעל "טיב גיטין". ווען ער איז אהיים געקומען צוריק קיין אוהעל פון באניהאד, זייענדיג בלויז פופצן יאר אלט, איז ער שוין געווען בקי אין חו"מ חלק א' מיט'ן "קצות החושן" בעל פה.

ווען הרה"ק רבי הערשל'ע איז געווען א יונגל פלעגט זיין מאמע אויפשטיין ביי חצות הלילה, און געוויינט אויף גלות השכינה און מיט די טרערן האט זי אפגעוואשן זיין שטערן. ער האט דערציילט אז אלס קינד האט ער קיינמאהל נישט געהערט זיינע עלטערן רעדן פון עפּעס אנדערש ווי פון חינוך פון זייערע קינדער.



אך פרי לצדיק : ויעשו פרי תבואה

ספר

אך פרי תבואה

על התורה

צבי הירש

ליסקא

אשר

חלק ראשון

זאב וואלף

מונקאטש

אך פרי לפי צדיק

MUHKÁCS,

gedruckt bei Pinkas Blayer 1875.

זה השער לה' צדיקים יבואו בו

אידן פלעגן קומען צו זיין מאמע בעהטן ברכות און רפואות. אויך נאר איר פטירה איז זי געבליבן א מאָסטער פון א צדיקת, און אידן פלעגן ארויסגיין מתפלל זיין אויף איר קבר אין אוהעל, וואו מען איז געהאלפן געווארן בדבר ישועה ורחמים. לעצטענס ווערט פלאנירט אויפצושטעלן הארט נעבן דעם בית החיים אין די שטאט ליסקא אן "הכנסת אורחים" אויף איר נאמען "אהל שרה".

אינגערהייט האט הרה"ק רבי הערשל'ע געוואלט לערנען די סודות פון חכמת הקבלה, אבער ער האט נישט מצליח געווען. ביז ער האט געפונען שטיין אין ספרים אז אין פערציג טעג קען א איד ווערן ווי א נייע ברי'. האט ער זיך אפגעשיידט פון אלע תענוגי עולם הזה במשך פון פערציג טעג. אינעם פערציגסטן טאג, וואס איז געפאלן פרייטאג צו נאכט'ס, האט ער געשפיהרט א שוואכקייט און ער האט איינגעדרימלט. ביי חצות האט ער זיך אויפגעוועקט, און איז געווארן ווי א נייע ברי'. ער האט געשמעקט א גוט'ן ריח, ווי פון גן עדן, וואס ער האט קיינמאהל פריער נישט געשפיהרט, אבער ביי עניני גשמיות האט ער געשפיהרט א שווערן ריח. אזוי אויך נעבן בעלי עבירה און בעלי גאוה האט ער ממש נישט געקענט שטיין צוליעב'ן שווערן ריח. פון דעמאלט אהן איז ביי אים מקויים געווארן "ויגבה לבו בדרכי ה'"—און ער איז געוואקסן גרעסער און גרעסער.

## ביים היילגן "ישמח משה"

הרה"ק רבי הערשל'ע איז געווען א תלמיד פונעם "ישמח משה", פון וועמען ער האט מקבל געווען די דרכי התורה והחסידות. אלס קליין קינד האט ער זיך שוין מתבונן געווען אויף יעדע הנהגה פון זיין רבי'ן. ער האט דערציילט אז אלס אינגל גייענדיג אין חדר פלעגן זיינע חברים, די קינדער צווישן זיך שמועסן, צי דער אוהעלער רב לערנט גמרא תוספות ווייל ער איז שטענדיג פארמאכט אין א צימער. האט ער זיי געזאגט אז ער האט א קלאהרע באוויז אז ער לערנט תורה, ווייל ווען נישט וואלט ער נישט געהאט אזא שיינע צורה. אמאהל איז געקומען קיין אוהעל א עלטערער בחור אויף שבת. און הרה"ק רבי הערשל'ע האט פארשטאנען אז דער בחור גרייט זיך מפלפל צו זיין בשעת די דרשה מיט'ן "ישמח משה". און כאטש ער איז נאך געווען א קינד, האט ער פראבירט אז דער בחור זאל נישט מבלבל זיין דעם רבי'ן, האט ער זיך צוגעגרייט מפלפל צו זיין מיט יענעם בחור און מצדיק זיין דעם "ישמח משה". דער בחור האט אנגעהויבן מפלפל זיין אינמיטן די דרשה, אבער הרה"ק רבי הערשל'ע האט אלעס אפגעוואנדן, ואס דער בחור האט אריינגעפרעגט, און אויפגעוויזן אז ס'איז גארנישט שווער. דער ציבור האט געקוקט ווי דאס אינגל פארהערט זיך מיט א גרויסער בחור, און זייענדיג נאך א קליין קינד איז ער פון התלהבות געשפרינגען אויפ'ן בענקל און פארענטפערט דעם בחור'ס קושיות. נאך די דרשה, ווען דער "ישמח משה" איז אהיים געגאנגען, און הרה"ק רבי הערשל'ע האט אים באגלייט, זאגט אים דער "ישמח משה": "הערשל'ע, וואס האט דער שוטה געוואלט?" הרה"ק רבי הערשל'ע האט פארשטאנען אז ער וויל אים מכיר טובה זיין. יאהרן שפעטער ווען ער האט דערציילט די מעשה האט ער געזאגט אז האט ער געזעהן יענעם בחור און ער האט ל"ע געשטאלפערט מיט'ן רעדן.

אין זיינע ספרים זעהט מען דעם גרויסן לעכטיגקייט, וואס הרה"ק רבי הערשל'ע האט געשעפט פון זיין רבי'ן, דער "ישמח משה". כמעט אין יעדער פרשה ברענגט ער חידושי תורה און מנהגים וואס ער האט פון אים געהערט און מקבל געווען. ער פלעגט זאגן: "איך וועל נישט טוען א זאך וואס איך האב נישט געזעהן ביי מיין אוהעלער רבי".

## "כביכול הקב"ה יושב כנגדו"

אמאהל ווען הרה"ק רבי הערשל'ע איז געווען ביים "ישמח משה", האט ער געפונען א פארמאכטע טיהר, און פון אונטער די טיהר האט ער ארויסגעהערט ווי דער "ישמח משה" לערנט מיט נאך עמיצן. שפעטער ווען מ'ער געעפנט די טיהר האט ער קיינעם אינעווייניג נישט געזעהן. האט ער געפרעגט דעם "ישמח משה", "איך האב דאך געהערט אינדרויסן ווי צוויי קולות לערנען אינאיינעם? זאגט אים דער "ישמח משה" מיט א פשטות: ווייסטו דען נישט דעם מאמר חז"ל אויפ'ן פסוק "שפכי כמים לבך נוכח פני ה'"—דרש'נט מען אז "כל תלמיד חכם", יעדער תלמיד חכם, "שיושב בינו לבין עצמו", וואס זיצט אליין, "וקורא ושונה" און ער לערנט, "כביכול הקב"ה יושב כנגדו", זיצט דער באשעפער

<<<<<

<<<<<

# הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זצוק"ל

## י"ד מנחם אב תרל"ד

אקעגן אים, "ושונה עמו", און לערענט מיט אים?!"...

### אַ לשון הגמרא איז אויך רוח הקודש

ס'איז באַקאַנט אַז נאָך די חתונה פון הרה"ק רבי הערשל'ע איז ער אַמאָהל געפאָהרן זיך באראהטן מיט זיין גרויסן רבי'ן דער "ישמח משה" איבער אַ געוויסן ענין. דער "ישמח משה" האָט אים גאָרנישט געענטפערט אויף זיין פראַגע נאָר זיך אויסגעדרוקט "הפוכי בעיסקא טב", (אַ לשון הגמרא (יבמות ס"ג.), ווי רבי אלעזר האָט געזעהן ווי איינער האָט אָנגעזייט זיין פעלד אין דער ברייט, האָט ער אים מייעץ געווען ער זאָל דאָס אַרומדרייען און אָנזייען אין די לענג, ווי רש"י זאָגט "טב להרויח יותר", ער וועט מער קענען פארדינען דערפון). שפעטער האָט הרה"ק רבי הערשל'ע געזאָגט אַז דער לשון הגמרא איז געווען אַ רוח הקודש, וואָס דער באשפער האָט אַריינגעשיקט אינעם מויל פונעם צדיק דער "ישמח משה". און די מעשה איז געווען אזוי: "הרה"ק רבי הערשל'ע, האט אמאהל געפרעגט דעם "ישמח משה" אַן עצה איבער ווין האַנדל, צי ער זאָל זיך אַריינלאָזן אין דעם צי נישט, האָט אים דער "ישמח משה" געענטפערט ער זאָל נישט אַריין אין דעם האַנדל און ער האָט זיך באַצויגן אויף אַ געוויסן אָרט אין ש"ס וואָס פון דאָרט האָט ער אַזוי אויפגעדרונגען.

ווען הרה"ק רבי הערשל'ע איז אַרויסגעגאַנגען האָט ער געזאָגט "איך האָב געמיינט ער וועט מיר ענטפערן מיט רוח הקודש, דערוויל האָט ער מיר נאָכגעזאָגט אַ גמרא. אויב אַזוי קען איך דאָך טרעפן אַן אַנדערע גמרא וואָס פון דאָרט וועט מען אַרויסדרינגען אַז דער האַנדל איז דוקא גוט און איך קען יאָ מצליח זיין דערין". און ער האָט טאַקע אַזוי געטוען, ער האָט איינגעשטעקט אין דעם ווין האַנדל און אין ענדע האָט ער שאָדן געהאַט דאָס געלט. דעמאָלט האָט הרה"ק רבי הערשל'ע זיך אויסגעדריקט: "יעצט ווייס איך אַז דאָס אַליין איז אַ רוח הקודש, אַז דער "ישמח משה" זאָל איינפאַלן די ריכטיגע גמרא וואָס איז דער אמת'ער ענטפער אויף דעם ענין וואָס איך האָב געפרעגט".

### נאָר וויפיהל געלט ער דאַרף אויף די מינוט

ווען הרה"ק רבי הערשל'ע איז געווען אַ יונגערמאַן האָט ער געוואוינט אין די שטאָט אוהעל און געלערנט דאָרט תורה מתוך הדחק. דאָס דחקות איז געווען עד אין לשער, אַסאַך מאהל האָט ער פשוט געהונגערט. אַמאָהל האָט פאַסירט אַז ס'זענען דורכגעגאַנגען דריי טעג און ער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן אַ שטיקל ברויט. אינעם דריטן טאָג האָט זיך געמאַכט אַז אַ פרוי אַ מקשה לילד איז געווען אין אַ גרויסע סכנה, איז די מוטער פון הרה"ק רבי הערשל'ע, די באַקאַנטע צדיקת שרה די בעקערין ע"ה, געקומען אין חלום צו די מוטער פון די פרוי די מקשה לילד און איר געזאָגט אַז אזוי ווי איר זוהן רבי הירש האָט שוין דריי טעג נישט געגעסן, אויב זי וועט אים געבן אַ "פערציגער" (אַ געוויסע מטבע פון יענע צייט) פון וואָס ער זאָל קענען קויפן ברויט פאר זיך און זיין שטוב, וועט איר טאכטער האָבן אַ ישועה און דאָס קינד וועט געבוירן ווערן געזונט און שטאַרק. ווען די פרוי האָט זיך דערוועקט איז זי גלייך געגאַנגען אין בית המדרש אויפזוכן הרה"ק רבי הערשל'ע, זי האָט אים דערציילט דעם חלום און גלייך געגעבן דעם פערציגער און באלד דערויף איז מ'שוין געקומען זאָגן די גוטע בשורה אַז איר טאָכטער האָט געבוירן דאָס קינד למזל טוב.

האָט הרה"ק רבי הערשל'ע געזאָגט דערויף, אַז ער זעהט אַז פון הימל וויל מען נישט ער זאָל האָבן מער געלט, נאָר וויפיהל ער נויטיגט זיך אין די מינוט, ווייל אויב מיין מאַמע וואָלט געזאָגט אין חלום מ'זאָל געבן הונדערט גילדן וואָלט דאָך די פאַמיליע זיכער געגעבן, ווייל זי איז דאָך געווען פאַרצווייפלט נאָך אַ ישועה. אָבער די מאַמע האָט געזאָגט בלויז געבן אַ פערציגער, גענוג איך זאָל זיך קענען האַלטן ביים חיות.

###ביידע צדיקים האָבן אייניגע לעכטיגע אויגן

אין די געגנט פון אוהעל איז געווען אַ חסיד וועלכער האָט געדונגען אַ גיט (דערפל) פונעם לאָקאַלן פריץ און דאָרט אויפגעשטעלט אַ קרעטשמע פון וואָס ער האָט געצויגן פרנסה. איינמאהָל האָט דער פריץ אים געזאגט אַז פון היינט און ווייטער פאַרלאַנגט ער אַ העכערונג אין די רענטע, און אויב ער וועט אים נישט געבן די העכערונג, וועט דאָס פאַרדינגען פאַר אַ צווייטן. איז דער קרעטשמער אַריבערגעפאָהרן צום "ישמח משה" און זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ. האט אים דער "ישמח משה" באַרואהיגט ער זאָל נישט זיין באַזאָרגט, און אים גע'עצה'ט ווי פאָלגענד: "מיין עצה איז אַז אויב ער בעהט אַ העכערונג זאָלסטו אים נאָכגעבן, און אַלעס וועט שוין פאַלן אין פלאַץ בעז"ה". דער קרעטשמער איז אויך געווען אַ חסיד פון הרה"ק רבי ר' הערש מרימנוב, און פונקט דעמאָלט איז דער רבי ר' הערש דורכגעפאָהרן אוהעל, האט ער זיך מזכיר געווען איבער די העכערונג וואָס דער פָּריץ בעהט. זאָגט אים דער רבי ר' הערש: "זאָלסט בשום אופן נישט צוגעבן אפילו איין פרוטה פאַר'ן פריץ", און ער האָט אים צוגעזאגט אַז ער וועט זיין חזקה נישט פאַרליהרן. אצינד אַז דער חסיד האָט שוין געהאַט אַ הבטחה פונעם רבין ר' הערש, איז אים ענדערש געווען צו פאָלגן זיין עצה איידער דעם ישמח משה'ס וואָס וואָלט אים געקאָסט אַסאַך געלט. האָט ער אַזוי געטוען, און נישט אַריבערגעשיקט די העכערונג פאר'ן פריץ. ווען דער פריץ האָט געזעהן אז ער באַקומט נישט די העכערונג, האט ער מיט גרויס אויפברויז דאָס פאַרדינגען פאַר אַ גוי וואס האָט איינגעשטימט צו געבן דעם העכערן פרייז. דער איד איז געבליבן אינגאַנצן אויסגעשפיעלט און אויך פאַרשעהמט, זעענדיג אַז ער האָט נישט-גוט אָפּגעשניטן פון נישט פאָלגן דעם "ישמח משה". בלית ברירה איז ער אַריבערגעפאהָרן קיין אוהעל און דערציילט פאַר'ן "ישמח משה" דעם גאַנצן אמת, אַז דער רבי ר' הערש פון רימנוב איז דאָ געווען און ער האָט אים גע'עצה'ט נישט צו געבן איין פרוטה מער, ער האָט אים געפאָלגט און אצינד איז ער געבליבן אָן פרנסה; ער האָט אַ שטוב מיט קינדער צו שפייזן און ער איז געבליבן אָרעם ווי די נאַכט. האָט אים דער "ישמח משה" פאָרגעהאַלטן: איך האָב דאָך געהייסן דו זאָלסט אים נאָכגעבן די העכערונג און אין ענדע וועט אַלעס פאַלן אין פלאַץ. ווען דו פאָלגסט ווען מיך וואָלסטו דיר געקענט שפאָהרן דעם גאַנצן עגמת נפש. פאַרוואָס האָסטו מיך נישט געפאָלגט?

איז פונקט געשטאַנען דאָרט הרה"ק רבי הערשל'ע, וואס פלעגט אויך פאהָרן צו הרה"ק רבי ר' הערש מרימנוב (און צו נאָך אַסאַך צדיקי הדור). זאגט אים דער "ישמח משה": "געב אַ קוק וואָס דיין רבי פון רימינאָוו האָט געטוען, ער האָט אים אַזוי און אַזוי מייעץ געווען און וואָס איז געשעהן מיט אים?"

רופט זיך אָן הרה"ק רבי הערשל'ע, "איך בין זיכער אַז אויב דער רבי ר' הערש רימינאָווער האָט אים אַזוי גע'עצה'ט נישט צו געבן די רענט העכערונג, האָט ער דאָס געזאָגט מיט רוח הקודש און זיין עצה וועט זיכער מקוים ווערן".

למעשה איז דורכגעגאַנגען עטליכע שווערע וואָכן אויפ'ן קרעטשמער, ער האָט זיך אַרומגעדרייט פאַרוויטאָגט און פאַרוויינט אויף זיין גרויסן בראָך. ביז איין טאָג שיקט דער פָּריץ רופן דעם קרעטשמער און זאָגט אים אַזוי: "הער אויס, איך וויל דיך איבערבעהטן אויף אַלעם וואָס איך האָב דיר געטוען. דער נייער קרעטשמער (דער גוי) האָט מיר צוגעזאָגט אַז ער וועט באַצאָהלן פיהל מער וויפיהל דו פלעגסט באַצאהָלן ביז היינט, אָבער אין ענדע קען ער נישט אויספיהרן וואָס ער האָט פאַרשפּראָכן און נישט נאָר צאָהלט ער נישט די העכערונג נאָר אפילו די ביז איצטיגע רענטע צאָהלט ער אויך נישט. דערפאַר האָב איך חרטה אויפ'ן גאַנצן געשעפט און איך וויל דיר צוריק פאַרדינגען די קרעטשמע פאַר'ן זעלבן פרייז וואָס דו פלעגסט באצאהלן אַלע יאָהרן, איך דאַרף נישט קיין שום העכערונג, אַלעס בלייבט ביים אַלטן".

אצינד האָט מען געזעהן ווי די ברכה פון הרה"ק רבי ר' הערש מרימנוב איז טאַקע מקוים געוואָרן. אַ צייט שפעטער איז דער רבי ר' הערש ווידעראמאָהל דורכגעפאָהרן אוהעל און דער חסיד דער קרעטשמער האט אים באַדאַנקט אויף זיין ברכה, און דערביי האָט ער אים דערציילט אַלעס וואָס ער האָט געהאַט מיט'ן ישמח משה, אַז ער האָט געהייסן ער זאָל יאָ נאָכגעבן און למעשה האָט ער נישט געפאָלגט און ער האָט חרטה געהאַט, נאָר שפעטער האָט זיך אַלעס איבערגעדרייט צום גוטן ווי דער רבי ר' הערש האָט געזאָגט.

זאָגט אים דער רבי ר' הערש: זאָלסט נישט מיינען אַז איך האָב געזעהן בעסער ווי דעם אוהעלער רב און אַז ער האָט נישט געזעהן מיט רוח הקודש דאָס זעלבע וואָס איך האָב געזעהן. באמת האָבן מיר ביידע געזעהן די זעלבע זאַך, נאָר דער "ישמח משה" איז בטבע זייער אַ ווייכער און אַ גוטער נאַטור און ער האָט נישט געקענט צוזעהן דיין צער און ליידן אַז עטליכע וואָכן וועסטו בלייבן אָן פרנסה, האָט ער דיר ענדערש געראָהטן אַזוי דו זאָלסט יאָ נאָכגעבן די העכערונג און ער האָט שוין געהאַט זיין וועג וויאַזוי דאָס צו פאַרגוטיגן. אָבער איך בין נישט ווי דער אוהעלער רב, איך האָב געקלעהרט ס'איז ענדערש דו זאָלסט ליידן עטליכע וואָכן אַז נאָכדעם זאָל די רענטע צוריקגיין צום אַלטן פרייז. אָבער אין "אספקלריא המאירה" האָבן מיר ביידע געזעהן אייניג! **זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. אמן.**

*(מקורות: אור הצפון. עלים לתרופה. זכרונם לברכה. תולדות וסיפורי צדיקים-"נר יהושע". מעשי אבות. הילולא קדישא. ימי זכרון. שיח זקנים. דברי תורה לפ' השבוע. ועוד ותש"ח להם).*



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר



## מַיין אוצר...בליצינגע געדאנקען

### א שיינע ברכה פונעם רבי'ן...

צו הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע איז אמאהל געקומען א חסיד און זיך באקלאגט, אז יאהרן לאנג האט ער געצויגן פרנסה פון א געשעפט וואס ער האט געדינגען ביי א געוויסן בעל הבית. און יעצט איז געקומען א צווייטער איד, און וויל פון אים אויסכאפן און אפדינגען דאס געשעפט. איך האב אים געפרעגט, פארוואס דארפסטו פונקט מיין געשעפט אפדינגען, גיי און דינג דיר אן אנדער געשעפט? אבער יענער וויל נישט הערן. האט אים רבי מאיר'ל געבענטשט, און געזאגט אזוי: "**דברים**",—אויב דו האסט א "דין ודברים" (א דין תורה) מיט דיין חבר, "**ואתחנן**",—דעמאלט וועל איך בעהטן ביים באשעפער אז דו זאלסט מצליח זיין. "**עקב**"—אבער צום ערשט, "**ראה**"—זעה צו דינגען אן אנדער געשעפט. "**שופטים**",—דערנאך זאלסט אים רופן צו א דין תורה ביים דיין. "**תצא**",—גיי ארויס פון דעם געשעפט, "**תבוא**",—און קום אריין אין א צווייטע געשעפט. "**נצבים**",—דעמאלט וועסטו גוט שטיין, "**וילך**",—דאס געשעפט וועט גוט גיין. "**האזינו**",—אויב וועסטו מיך גוט אויסהערן, "**וזאת הברכה**",—דאס איז מיין בעסטע ברכה!

### זיך קיינמאהל נישט פארענטפערט פאר'ן טאט'ן

**ומי גוי גדול אשר לו...ככל התורה הזאת (ואתחנן ד:ח)**. איינער האט אמאהל נאכגעזאגט פאר הרה"ק רבי יוסף יצחק פון ליובאוויטש זי"ע אין נאמען פון איינעם פון די גדולי ישראל: אז א איד איז צוגעגליכן צו אן אות אין א ספר תורה. אמאהל קען זיך דער אות אביסל אפמעקן, דארף מען דאס נישט מער ווי אביסל פארעכטן און איבערשרייבן. און דערנאך ווערט דאס צוריק כשר! האט דער צדיק געזאגט: און איך זאג אז א איד איז ווי אן אות וואס איז אריינגעקריצט אין א פעלזן-שטיין. דא איז נישטא קיין מעגליכקייט אז דער אות זאל אפגעמעקט ווערן, נאר דער אות ווערט אביסל אנגעפוהלט מיט שטויב. דער עצה דערצו איז: שטארק צו בלאזן, ביז די גאנצע שטויב ווערט אוועק געבלאזן, און דערנאך ווערט דער אות אנטפלעקט מיט איהר גאנצע שיינקייט און פראכט!!

### זי שטייט נישט אין פסוק...

**לא תעשה כל מלאכה אתה ובנך ובתך ועבדך ואמתך (ואתחנן ה:יד)**. אמאהל איז דער דובנא מגיד געקומען אין א שטאט, ווי ס'זענען געווען עטליכע סוחרים וואס האבן מזלזל געווען אין שמירת שבת. אז בשעת דער מאן איז געגאנגען אין שוהל מקבל שבת זיין, פלעגט די פרוי נאכ'ן ליכט צינדן אראפגיין אין געשעפט און זיין דארט ביז דער לעצטער קונה גייט ארויס. האט דער דובנא מגיד געזאגט: איצט פארשטיי איך וואס ס'שטייט אין פסוק, "**לא תעשה כל מלאכה אתה ובנך ובתך ועבדך ואמתך**". אייגענטליך איז שווער און וואו איז די פרוי, פארוואס ווערט זי נישט דערמאנט אין פסוק? נאר אז די פרוי שטייט אין געשעפט קען זיך דאך נישט שטיין אין פסוק...

### אה! כיבוד אב!

**כבד את אביך ואת אמך... (ואתחנן ה:טז)**. **כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע**, פלעגט אויפ'ן באפעהל פון זיין פאטער כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע, פאהרן צום קור פלאץ מאריענבאד, צו ערהוילן זיין הייליג'ן קערפער, און שעפן פון די פיינע לופט. מרן זי"ע איז נישט ארויס פון זיין צימער א גאנצן טאג, נאר שפעט ביינאכט האט ער געעפענט דאס פענסטער און אריין געשעפט פון די פיינע לופט און געזאגט: "**אה! כיבוד אב! אה! כיבוד אב!**"

### זיך קיינמאהל נישט פארענטפערט פאר'ן טאטן

**כבד את אביך ואת אמך... (ואתחנן ה:טז)** ווען כ"ק אדמו"ר רבי מנחם נחום פריעדמאן דער באיאן-טשערנאוויצער רבי זצוק"ל, [א זוהן פונעם "פחד יצחק" פון באיאן זי"ע] איז געווען אויף די חתונה אין בעלזא פון הרה"ק רבי פינאלי'ע אוסטילא זי"ע, האט **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע**, אים געבעהטן, ער זאל פארבלייבן אויף שבת שבע ברכות. האט דער באיאנער-טשערנוביצער רבי געענטפערט: "איך האב שוין געזאגט דעם טאט'ן אז איך וועל זיין אינדערהיים אויף שבת". האט מרן זי"ע געזאגט, וועט איר זאגן דעם טאט'ן אז איך האב שטארק מפציר געווען און געבעהטן אייך צו בלייבן דא אויף שבת, אוודאי וועט ער פארשטיין. האט דער באיאנער טשערנוביצער רבי זיך אנגערופן, "**איך האב זיך נאך קיינמאהל נישט פארענטפערט פאר'ן טאטן**". *(כ"ק אדמו"ר מבאיאן שליט"א)*

## מַיין אוֹצָר... מוסר השכל פון די פַּרשָׁה

### נאך תשובה איז אן עת רצון צו דאווענען

### דברים "תשובה" - ואתחנן "תפילה"

"**דברים**" איז מרמז אויף תשובה. אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק: "**קחו עמכם 'דברים' ושובו אל ה'**". דאס איז דער רמז, "**דברים**" נאכדעם וואס מ'האט תשובה געטוען, "**ואתחנן**" איז אן עת רצון צו בעהטן ביים באשעפער. *(ישמח משה)*

### גע'פועל'ט מ'זאל קענען דאווענען אין חודש אלול

### ואתחנן אל ה'·בעת ההוא (ואתחנן ג:כג)

משה רבינו האט זיך אנגעשטרענגט מיט'ן דאווענען, און גע'פועל'ט אז אידן זאלן קענען דאווענען אין די טעג פון חודש אלול פאר'ן באשעפער, וואס דעמאלט איז א זמן פון פתיחת שערי שמים אז די תפילות און די תשובות וואס אידן טוען זאלן ווערן אנגענומען ברחמים וברצון. *("בני יששכר" אלול, א)*

### דאווענען מ'זאל קענען דאווענען...

### ואתחנן אל ה' בעת ההוא (ואתחנן ג:כג)

א איד דארף שטענדיג מתפלל זיין צום הייליג'ן באשעפער אז ער זאל קענען דאווענען צו הייליג'ן באשעפער אזוי ווי מ'דארף און אזוי ווי ס'פאסט. *(קדושת לוי)*

### דעם נפש דארף מען שטארק אפהיטן

### רק השמר לך ושמר נפשך מאד (ואתחנן ד:ט)

'**השמר לך**, גייט ארויף אויפ'ן גוף, און ס'ווערט נישט דערמאנט דאסווארט 'מאד', אבער ביי '**ושמר נפשך**', וואס מיינט אפהיטן דעם נפש, ווערט יא דערמאנט דאס ווארט '**מאד**', ווייל דער נפש דארף א מענטש מער אפהיטן ווי דעם גוף. *(כלי יקר)*

### א געזונטן קערפער צו דינען דעם באשעפער

### ונשמרתם מאד לנפשותיכם וגו'. (ואתחנן ד:טו)

דער מענטש דארף אכטונג געבן אויף זיין געזונד, ווייל אויב ער איז שוואך, וועט ער נישט קענען עוסק זיין אין תורה און מצוות. דאס זאגט דער פסוק: "**ונשמרתם מאד**",—איר זאלט זעהר אפהיטן אייער געזונד, "**לנפשותיכם**",—צוליעבן נפש, אייער נשמה, ווייל ווען דער קערפער איז געזונד און שטארק, קען מען מקיים זיין די מצוות, און דינען דעם באשעפער אזוי ווי ס'דארף צו זיין. *(אור צדיקים)*

### מ'טאהר זיך נישט האלטן גרויס...

### אנכי עומד בין ה' וביניכם (ואתחנן ה:ה)

ווען א איד האלט זיך גרויס אז ער איז מער פון א צווייטן, ער קען מער לערנען, א.ד.ג. ווערט ער דערווייטערט פון באשעפער, און ער מאכט א צווישנשייד צווישן באשעפער און אים. **ווען** איינער שפיהרט זיך "**אנכי**",—'איך' בין עפעס, "**עומד בין ה' וביניכם**",—שטייט דאס ווי א וואנט וואס טיילט אפ צווישן באשעפער און די אידן. *(ספר "מאור ושמש" בשם הרה"ק רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב זי"ע)*.

### עהרליך ליינען קריאת שמע

### והיו הדברים האלה... על לבבך... (ואתחנן ו:ו)

ס'איז ידוע פון ספרים הק', אז דאס ליינען קריאת שמע ווי ס'דארף צו זיין, איז משפיע און גיט כח פאר א איד זיך צו שטארקן קעגן די נסיונות. דאס זאגט דער פסוק '**והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום**',—אז דורכ'ן זאגן אט די דיבורים; די פסוקים פון קרי"ש מיט די ריכטיגע כוונה, טוהט מען דורכדעם שטיין פעסט '**על לבבך**',—קעגן די נסיונות, צו הערשן אויף זיך אליין נישט נאכצוגיין נאכ'ן 'לב חומד'; נאכ'ן הארץ וואס גליסט. נאר זיין **כולו משועבד פאר'ן רצון הבורא**.

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם...על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון הרימו בכח קולך מבשרת ירושלים...



## מַיין אוֹצָר...חודש מנחם אב...שבת נחמו...חמשה עשר באב...

### מאוצרות הצדיקים

### חודש מנחם אב

• 'מנחם אב', אין דעם חודש טרייסט אונז דער באשעפער

פארוואס הייסט דער חודש "מנחם אב", זאגט דער קאז'יגלאבער רב, הגאון רבי ארי' צבי פראמער זצ"ל הי"ד:




ווייל אין דעם חודש טרייסט אונז דער באשעפער און ער זאגט **"נחמו נחמו עמי"**,—און דעקגען זאגן כלל ישראל **"מנחם אב"**,—מיר טרייסטן כביכול דעם באשעפער. *(ספר 'ארץ צבי')*

• די גאולה וועט זיין מיט'ן כח פון אמונה ובטחון

ס'שטייט אין די ספרים הק' אז **"אב"** איז די נוטריקון פון **"אמונה און בטחון"**. אידן זענען אויסגעלייזט געווארן פון מצרים מיט'ן כח פון אמונה ובטחון אזוי ווי ס'שטייט "ויאמן העם". אזוי אויך וועט די גאולה העתידה במהרה זיין דורך אמונה ובטחון. *(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)*

• דער באשעפער איז אונזער פאטער און מיר זענען זיינע קינדער.

דער טעם פארוואס דער חודש הייסט "אב", איז פונעם זעלבן שורש וואס חודש ניסן ווערט גערופן חודש "האבי"ב", ווייל דאס ווארט "אבי"ב", ווייזט אויף ראשית צמיחה פון די בחינה פון "אב", וואס האט זיך ענטפלעקט אין חודש ניסן וואס דעמאלט האט זיך אנגעהויבן די צמיחת הישועה וואס קומט פונעם הייליג'ן טאט'ן אין הימל, וואס ער האט ארויסגענומען די אידן פון מצרים, צו זיין פאר אים בנים למקום, קינדער צו א טאט'ן, און דעמאלט איז געווען די אנהייב פון די אנערקענונג, אז דער באשעפער איז אונזער פאטער און מיר זענען קינדער צום הייליג'ן באשעפער. אין חודש אב זעהט דאס אויס פארקערהט ווייל דער באשעפער האט גע'צארנ'ט אויף אונז און חרוב געמאכט דאס בית המקדש, אבער באמת ווען די גאולה וועט קומען במהרה בימינו און דער חודש וועט איבערגעדרייט ווערן צו ששון ושמחה, וועט דערמאלט אנטפלעקט ווערן די בחינה מיט'ן תכלות השלימות קיים לעד, אז דער הייליגער באשעפער איז אונזער פאטער, און ס'וועט מער נישט זיין א שינוי אין דעם, און לעד ולנצח נצחים וועט יעדער זעהן אז דער הייליגער באשעפער איז אונזער פאטער. *("תורת אמת" פ' מסעי)*

### מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

### מוצאי תשעה באב

• די 'קינות' וועלן זיין זמירות ותשבחות פאר'ן באשעפער"

כ"ק מרן מהר"ש זי"ע פלעגט פיהרן א סעודה אין מוצאי תשעה באב און זאגן דברי תורה. כ"ק מהר"ם מבילגורייא זי"ע שרייבט אין די כתבים:אין יאהר מוצאי תשעה באב, האט מרן מהר"ש זי"ע צוריק געברענגט דעם ספר 'קינות' אהיים. האט אים די רעבעצין מלכה ע"ה געפרעגט: "דער מנהג פון צדיקים איז דאך צו באהאלטן די קינות', ווייל מיר גלויבן אז ביז'ן אנדערן יאהר וועט שוין משיח קומען און אונז אויסלייזן...?" האט מרן זי"ע איר געענטפערט: "ס'איז נישט אז מ'וועט זיך נישט באנוצן די אנדערע יאהר מיט די קינות, נאר ווען משיח צדקנו וועט קומען וועט די קינות' ווערן זמירות ותשבחות פאר'ן באשעפער...".

• איבער געלאזט די קינות אין בית המדרש

כ"ק מרן מהר"א זי"ע האט זיך געפיהרט נישט אוועקצולייגן די 'קינות' פון איין יאהר אויפ'ן אנדערן, נאר ער האט דאס




איבערגעלאזט אין ביהמ"ד.

"לעקיך און בראנפן-מוצאי ת"ב"

כ"ק מרן מהר"א זי"ע פלעגט מוצאי תשעה באב פיהרן א "לעקיך און בראנפן", און אזוי פיהרט זיך אויך יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

נישט מקדש געווען די לבנה מוצאי ת"ב

כ"ק מרן מהר"א זי"ע האט זיך געפיהרט נישט מקדש צו זיין די לבנה מוצאי תשעה באב. (עי' רמ"א תכו:ב).

מוצאי ת"ב בשמחה

מוצאי תשעה באב האט זיך אנגעזעהן אויפ'ן געזיכט פון כ"ק מרן מהר"א זי"ע א שמחה, און ער איז געווען אויפגעלעבט. *(הרה"ח ר' יוסף דייטשער ז"ל).*

פליישיגע סעודת בר מצוה מוצאי ת"ב

כ"ק מרן מהר"א זי"ע, האט געהייסן פאר כ"ק אדמו"ר רבי יוחנן מראחמיסטריווקא זצ"ל, ער זאל מאכן א פליישיגע סעודה מוצאי תשעה באב, לכבוד די בר-מצוה פון זיין זוהן הרה"צ ר' נחום זצ"ל, וואס איז געווארן דרייצן יאהר אין תשעה באב.

זיצן אויף די ערד צו דערמאנען די אלע צרות

כ"ק מרן מהר"י זי"ע האט נאכגעזאגט בשם המדרש, אז נאך ביאת המשיח במהרה בימינו, וועט מען תשעה באב זיך זעצן אויף די ערד פאר א קורצע צייט, כדי מ'זאל זיך דערמאנען די אלע צרות וואס אידן זענען אדורך ביים חורבן בית המקדש און אין די גלות יאהרן. דערנאך וועט מען זיך אויפשטעלן, און מ'וועט מאכן פון תשעה באב א גרויסן טאג פון שמחה.

"איר זעהט, ס'גייט מיר אין לעבן...

מוצאי תשעה באב תשי"ג, איז מרן זי"ע געגאנגען באזוכן ביים רב הראשי, צו פועל'ן ביים אים מ'זאל מבטל זיין די גזירה פון "גיוס בנות", און אזוי וועט נישט דארפן פארקומען די מעכטיגע פארזאמלונג קעגן די גזירה, וואס איז אפגעראכטן געווארן דעם אנדערן טאג י' אב. אינצווישן דעם שמועס מיט'ן רב הראשי, האט אים מרן זי"ע געזאגט: "איר זעהט, איך קום נאך א תענית, ס'איז א סימן ס'גייט מיר אין לעבן". [אין די ענדע האט מרן זי"ע נישט געפועל'ט ביי אים, און פון דעמאלט אהן האט מרן זי"ע מער נישט געהאט קיין שייכות מיט אים.]

### מאוצרות הצדיקים

### שבת נחמו

"נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם"

ס'שטייט אין מהרי"ל אז דער שבת נאך תשעה באב ווערט אנגערופן "שבת נחמו", און ער שרייבט אז אין דעם שבת "זאל זיך דער גאנצער פאלק פרייען און זיך פארלאזן אויפ'ן טרייסט וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען".

אין ספר "מנהג טוב" (וואס איז נתחבר געווארן דורך איינער פון די חכמי איטאליע מיט איבער זיבן הונדערט יאר צוריק) שטייט אז ס'איז כדאי, מ'זאל זיך נישט אפשעהרן די האר תיכף נאך תשעה באב, נאר מ'זאל ווארטן ביז ערב שבת נחמו "וזה כבוא ערב שבת נחמו חייב לספר עצמו ולשמוח גופו ולקבל השבת בשמחה ובטוב לבב, ויתנחם בנחמות מרובות",—אז אין דעם שבת איז מען מחוייב זיך צו שערן און זיך פרייען. *(לוח תמידים כסדרם)*

[למעשה אין די גמרא געפונען מיר שיטת רבן שמעון בן גמליאל וואס האלט אז די גאנצע וואך פון תשעה באב איז אסור צו עסן פלייש און טרינקן וויין, ווי אויך אלע מיני אבלות מיט וואס מיר פיהרן זיך ביז תשעה באב, לויט רשב"ג ציהט זיך דאס ביז שבת נחמו, אבער אין הלכה ווערט נישט אזוי גע'פסק'ענט. די פוסקים (זעה 'מגן אברהם' און 'טורי זהב' אין סימן תקנ"א) ברענגען א תשובת מהרש"ל וואס זאגט אז אפילו איינער וואס האט זיך אזוי געפירט לחומרא, דארף דאס נישט אנהאלטן, און ער דארף זיך אפילו נישט מתיר נדר זיין אויב וויל ער יא עסן פלייש און טרינקן וויין אין די טעג נאך תשעה באב.]

<<<<<

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם...על הר גבה עלי לך מבשרת ציון הרימי בכח קולך מבשרת ירושלים...

<<<<<

## פ' ואתחנן - שבת נחמו

דער קאזשניצער מגיד זי"ע פלעגט זאגן א טעם בדרך מליצה פארוואס **פ' ואתחנן-'שבת נחמו'**, איז נאך תשעה באב. ווייל מ'טאהר דאך נישט לערנען אין תשעה באב, ווייל תורה מאכט פרייליך דעם מענטש. דעריבער יעצט נאך תשעה באב, לייענט מען פ' ואתחנן וואס דארט שטייט די עשרת הדברות, צו ווייזן אז די טעג פון אבילות זענען שוין פאראיבער, און מיר זענען ווייטער גרייט צו לערנען די הייליגע תורה. *(עבודת ישראל)*

## דער באשעפער רופט זיך 'אלקי ישראל'.

די הויפט נחמה ביי אידן איז, אז מ'ווייסט אז דער באשעפער ווערט אנגערופן 'אלקי ישראל', אזוי ווי ס'שטייט (תהלים סז:ז) "יברכנו אלקים 'אלקינו'". און דאס איז פשט פון 'נחמו נחמו עמי',—אז דער באשעפער זאגט צו אז 'יאמר אלקיכם',—ער וועט זיך אנרופן 'אלקי ישראל', דאס איז ביי די אידן די גרעסטע נחמה, אז מ'איז זוכה צו קענען האבן א שייכות צום באשעפער, אז ער זאל זיך אנרופן 'אלקי ישראל'. *("קדושת לוי")*

## טרייסט אייך ווייל איר זענט מיין פאלק

**נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם וגו'** (ישעי' מ:א) טרייסט אייך דערמיט בלויז וואס איר זענט "עמי"—דאס וואס איר זענט מיין פאלק, דארף ביי אייך זיין די גרעסטע טרייסט... *("בני יששכר")*

## • נייע מלאכים ווערן באשאפן

**נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם...כי מלאה צבאה וגו'.** (ישעי' מ:א-ב) די גמרא (חגיגה יג:) זאגט: אז זייט דער בית המקדש איז חרוב געווארן איז די פמליא של מעלה ווייניגער געווארן. ווייל דער מדרש זאגט אז דער באשעפער האט געזאגט אזוי ווי א מלך בשר ודם ווען ס'שטארבט אים א נאנטער מענטש, זיצט ער און ער שווייגט, וועל איך אויך זיצן און שווייגן ,אזוי ווי ס'שטייט: "ישב בדד וידום", און חז"ל זאגן אז פון יעדן דיבור פון כביכול דער באשעפער, ווערט באשאפן א מלאך, קומט אויס אז ווען דער באשעפער שווייגט ווערן נישט באשאפן קיין מלאכים, און די פמליא של מעלה ווערט ווייניגער. אבער ווען דאס ביהמ"ק וועט אויפגעבויעט ווערן וועט כביכול דער באשעפער ווייטער רעדן, און ס'וועלן זיך מעהרן מלאכים. דאס איז דער פשט, "נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם",—אז כביכול דער באשעפער וועט רעדן, ממילא "כי מלאה צבאה",—וועט ווייטער פארמערט ווערן די צבאות השמים דורך די באשאפונג פון מלאכים. *(פנינים יקרים)*

## מיר האבן נישט פארגעסן דעם חורבן...

הרה"ק רבי ישראל מטשורטקוב זי"ע האט געפרעגט: אידן פרייען זיך אידן 'שבת נחמו'. וואס איז די שמחה, פארוואס פריידט מען זיך? מ'האט דאך יעצט געוויינט אין תשעה באב, געזיצן אויף די ערד ווי אבלים רח"ל מיר האבן געקלאגט און געוויינט אויפ'ן חורבן, אויב אזוי, ווי אזוי איז דאס אז א מענטש זאל זיך טוישן פון איין עק צום אנדערן אין אזא קורצע צייט? פארוואס ווײנט מען און פארוואס פריידט מען זיך? נאר חז"ל לערנען אונז אז דער באשעפער האט אריינגעלייגט אין די בריאה אז מ'פארגעסט פון א נישט לעבעדיגן. מיר וואס וויינען און קלאגן יאהר נאך יאהר תשעה באב אויפ'ן די ביטערע חורבנות, איז פארדעם אליין דארף מען זיך פרייען 'שבת נחמו'. אויפ'ן עצם זאך אז אונזערע הרגשים און געפיהלן האבן נאכנישט אויסגעוועפט און מיר האבן נישט פארגעסן פונעם חורבן בית המקדש, מיר קלאגן כאילו ס'איז יעצט ממש געשעהן, איז געדרונגען אז ס'איז נישט קיין טויטע זאך, מ'האט דאס נישט פארגעסן. אונזער געוויין אין תשעה באב איז א געוויין פון האפענונג אז דאס בית המקדש וועט אויפגעבויעט ווערן בב"א.

## "תורה חדשה מאתי תצא"

**"שבת נחמו"**,—דער שבת וואס מ'טרייסט די אידן מיט די גאולה און ביאת המשיח, לייענט מען די עשרת הדברות, אויך שבועות לייענט מען די עשרת הדברות. ווייל שבועות האט דער באשעפער געגעבן די תורה פאר אידן, אזוי אויך ווען משיח וועט קומען שטייט (ישעי' נא:ד) "תורה חדשה מאתי תצא" (עי' ויק"ר י"ג:ג), וועט דער באשעפער געבן נייע חידושים אין די תורה, דעריבער לייענט מען די עשרת הדברות אין 'שבת נחמו'. *(קדושת לוי)*



## קבלות צום נייעם יאהר הבעל"ט

**"אנכי ה' אלקיך"** (ואתחנן ה:ו) די ספרים הק' זאגן: 'שבת הגדול' איז די הכנה פאר פסח, 'שבת שובה' איז די הכנה פאר יום כיפור, **'שבת נחמו'** איז די הכנה צו די הייליגע טעג הבעל"ט. קען מען זאגן א טעם פארוואס מ'לייענט די עשרת הדברות 'שבת נחמו', ווייל דאס איז קבלת התורה פונדאסניי, ווייל אין דעם שבת הייבט מען אהן מיט נייע קבלות צום נייעם יאהר הבעל"ט. *(כ"ק אדמו"ר מטשערנאביל שליט"א)*

## די צוויי שבתות "שבת חזון" און "שבת נחמו"

הרה"ק רבי מענדל'ע וויטעפסקער זי"ע, האט געזאגט, אז דאס וואס רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט: "אלמלא משמרין ישראל שתי שבתות כראוי מיד נגאלין",—מיינט מען די צוויי שבתות, "שבת חזון" און "שבת נחמו", אז ווען אידן וואלטן אפגעהיטן די צוויי שבתות ווי ס'באדארף צו זיין, מיט אלע באדינגונגען דערצו, וואלטן זיי גלייך אויסגעלייזט געווארן פונעם גלות, ווייל דער "שבת חזון", באצייכנט שטארק דעם גאנצן חורבן מיט'ן גלות, און באלד דערויף קומט דער "שבת נחמו",—האט באצייכנט די גאנצע הנחמה, וואלט מען באלד אויסגעלייזט געווארן. לאמיר זיך דעריבער פאסיג אנכאפן אין די נחמה וואס שיינט אויף אונז דעם שבת, און לאמיר אפהיטן און מכבד זיין דעם שבת ווי ס'פאסט און אזוי ווי מ'באדארף, און אזוי וועלן מיר זוכה זיין צו "נחמו נחמו עמי",—א דאפעלטע נחמה.

## א סעודה אין שבת נחמו

די משנה (תענית ד:ח) זאגט: "אמר רבי שמעון בן גמליאל לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים" און די גמרא ערקלעהרט, אז די גרויסע שמחה פון יום כיפור איז צוליעב די סליחה ומחילה וואס דער באשעפער איז מוחל אונזערע עבירות, ווי אויך איז יו"כ דער טאג וואס דער באשעפער האט געגעבן די צווייטע לוחות פאר כלל ישראל (נאכדעם וואס די ערשטע לוחות זענען צעבראכן געווארן שבעה עשר בתמוז). און לגבי די שמחה פון חמשה עשר באב רעכנט אויס די גמרא עטליכע טעמים וואס האבן צוגעברענגט אז חמשה עשר באב זאל ווערן אזא גרויסע יום טוב ביי כלל ישראל.

דער ריטב"א אין זיינע חידושים (תענית ל:) דערמאנט איינע פון די טעמים וואס ווערט געברענגט אין גמרא, אז אין דעם טאג האבן די אידן אין מדבר אויפגעהערט צו שטארבן, און ס'האט זיך געענדיגט די גזירה וואס איז נגזר געווארן ביים חטא המרגלים אז יענער גאנצע דור זאל אויסשטארבן. [ווי ס'פלעגט פאסירן אז יעדער יאהר תשעה באב זענען אידן געשטארבן, ביז אין חמשה עשר באב פונעם לעצטן יאהר אין מדבר איז קלאהר געווארן פאר די אידן אז די גזירה איז שוין פאריבער]. און דער ריטב"א לייגט צו "ומפני זה נהגו לעשות סעודה בשבת שלאחר תשעה באב",—אז צוליעב די גרויסע שמחה פון חמשה עשר באב וואס געפאלט אין די וואך נאך תשעה באב, האט מען זיך געפירט צו מאכן א ספעציעלע סעודה אינעם שבת נאך תשעה באב.

## ס'איז גלייך צו יום כיפור

דער הייליגער סאדיגורא רבי זי"ע האט געזאגט א טעם פארוואס זיין פאטער דער היילגער רוזשינער זי"ע האט נישט געפיהרט א טיש חמשה עשר באב אזוי ווי חמשה עשר בשבט, און ער האט ערקלעהרט דעם ענין ווייל חמשה עשר באב, איז געגליכן צו יום כיפור, ווען מ'עסט נישט און מ'טרינקט נישט, אזוי ווי חז"ל זאגן "לא היו ימים טובים" וכו', און אזוי ווי ס'שטייט אין לבוש דער חילוק צווישן חנוכה און פורים, אז חנוכה האט מען מתקן געווען להודות ולהלל, און פורים למשתה ושמחה, אזוי אויך דא חמשה עשר באב, איז אן הכנה צו ראש השנה און יום כיפור, וואס מ'איז דעמאלט מוסיף בלימוד התורה ביינאכט הכנה לרוחני, און ס'איז גלייך צו יום כיפור וואס מ'עסט נישט. *(נר ישראל)*

## בעהטן אויפ'ן צער השכינה

**נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם וגו'** (ישעיהו מ:א). יעדער איד דארף וויינען און זיך שטענדיג מצטער זיין אויף גלות

<<<<<

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם...על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון הרימו בכח קולך מבשרת ירושלים...



# מַיין שַׁבָּת אוֹצָר

## מַיין אוֹצָר...חודש מנחם אב...שבת נחמו...חמשה עשר באב...

<<<<<

השכינה. און ווען ער דאווענט זאל ער נישט בעהטן פאר זיינע אייגענע געברויכן, נאר ער זאל בעהטן אויפ'ן צער השכינה, אזוי וועט זיין תפילה זיכער אהנגענומען ווערן, ווייל די שכינה הק' געפונט זיך דאך אין גלות צוליעב אונז, אזוי ווי ס'שטייט "כי בסיבתכם אני מושלכת בעפר". און אויב כלל ישראל וועט בעהטן אז די שכינה הק' זאל אויסגעלייזט ווערן, וועלן די אידן אינאיינוועג'ס אויך אויסגעלייזט ווערן. און דאס איז די כוונה פון "נחמו נחמו",—ווען וועט באמת זיין די גרויסע און דאפעלטע טרייסט, "עמי", וואס איז די ראשי תיבות פון "ע'יני י'רדה מ'ים,—ווען מ'וועט פארגיסן טרערן אזוי ווי וואסער פאר'ן גלות און צער השכינה הק'. "יאמר אלקיכם",—אלקים ווייזט אויף מידת הדין, און "אמירה",—איז א ווייך לשון [מדת הרחמים}. דעמאלט וועט אויך דער מידת הדין איבערגעקעהרט ווערן צו מידת הרחמים און אלע דינים וועלן זיס ווערן. *("אמרי חיים" ווישניץ)*

### די נחמה קומט פון באשעפער אליין

**נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם וגו'** **(ישעיהו מ:א).** דער אזולאי ברענגט אויף 'אנכי אנכי הוא מנחמכם' (ישעיה נא:יב) אז ס'שטייט (שם סו:ג) 'כאיש אשר אמו תנחמנו כן אנכי אנחמכם ובירושלים תנוחמו'. געווענליך ווען א מענטש טרייסט איינעם, טראכט זיך יענער: ס'איז גרינג צו טרייסטן, ווען א צווייטער האט די עגמת נפש... אבער דער וואס האט אליין א שייכות צו דעם צער, אזא טרייסט איז מען מקבל.

און דאס איז פשט פון 'כאיש אשר אמו תנחמנו',—אזוי ווי א מאמע וואס איז זיך זיכער מצטער, מיט'ן צער פון איר זוהן, 'כן אנכי אנחמכם ובירושלים תנוחמו',—ווייל דער באשעפער האט דאך געשוואוירן אז ער וועט נישט אויפבויען ירושלים של מעלה ווילאנג ס'וועט נישט זיין ירושלים של מטה. דערפאר זאגט ער: 'אנכי',—די שכינה הק' וואס איז אין גלות האט דאך א




שייכות מיט'ן צער פון יעדן איד, איז 'אנכי הוא מנחמכם'—דער באשעפער קען זיכער געבן א נחמה.

### מיר טרייסטן זיך אז מיר זענען נאך דיין פאלק

**"נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם" וגו'** (ישעי' מ:א - הפטורה שבת נחמו). מיר האבן געזינדיגט, און דאס בית המקדש איז חרוב געווארן, אבער "נחמו"—מיר טרייסטן זיך מיט דעם אז "עמי"—מיר זענען נאך אלץ דיין פאלק, און אויב מיר פיהרן זיך ווי דאס פאלק פון באשעפער, "יאמר"—וועט דער באשעפער זאגן, "אלוקיכם"—איך בין אייער גאט. *(תורת אבות - סלאנים)*

### מיר טרייסטן זיך נאר מיט די הייליגע תורה

**"נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם" וגו'** (ישעי' מ:א - הפטורה שבת נחמו) "מ'דארף וויסן אז די איינציגע נחמה אויף אלעס איז די תורה. נאר די הייליגע תורה, ווייל נאך אלעם האבן מיר נאר די תורה, און דאס איז אונזער איינציגער טרייסט, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (תהלים קיט:נ) "זאת נחמתי בעניי כי אמרתך חיתני"...און דעריבער געפאלט 'שבת נחמו' יעדעס יאהר אין פ' ואתחנן די פרשה פון קבלת התורה". *(האדמו"ר הקדוש מלעלוב זצוק"ל)*

### וְשַׁבְתָּ אותיות שַׁבָּת

**ושבת עד ה' אלקיך** **(ואתחנן ד:ל).** 'שַׁבְתָּ' איז די אותיות "שַׁבָּת". ביז יעצט איז די ימי המצרים געווען בצער גלות השכינה, אזוי ווי ס'שטייט: "בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה באחרית הימים", 'וְשַׁבְתָּ—ווען ס'קומט דער שבת, 'שבת נחמו', וואס האט די הבטחת הגאולה, דעמאלט "עד ה' אלקיך",—זעהט מען אז אלע דינים וואס מיר זענען אריבער, איז געווען בלויז רחמים וחסדים אויף אונז. און לויט'ן צער וואס איז דעמאלט געווען, אזוי וועלן מיר זוכה זיין צו גרויסע חסדים וטובות. "ושמעת בקולו" וגו'. *(תפארת שלמה)*

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

### שבת נחמו

### דער באשעפער האט זיי אליין געטרייסט.

מיר שטייען אצינד אינעם געהויבענעם שבת, "שבת נחמו", ווי דער באשעפער טרייסט די אידן, "**נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם**". די הפטרה פון די שבעה דנחמתא איז אויסגעשטעלט אין א סדר אז די נחמה ווערט גרעסער און גרעסער, אזוי ווי ס'שטייט אין אבודרהם בשם המדרש, אז די ערשטע הפטורה נאך תשעה באב, איז "נחמו נחמו עמי",—דער באשעפער זאגט פאר די נביאים "נחמו נחמו עמי". און אידן ענטפערן צוריק (הפטרת עקב): "ותאמר ציון עזבני ה'",—אז מיר ווערן נישט געטרייסט פון די נחמה פון די נביאים, וואס דאס איז דער אינהאלט פון די קומענדיגע הפטורה (הפטרת ראה): "עני' סוערה לא נחמה". אויף דעם ענטפערט דער באשעפער (הפטרת שופטים): "אנכי אנכי הוא מנחמכם",—אז איך אליין טוה אייך טרייסטן. פון דעם קען מען זעהן די גרויסע חשיבות פון אידן, כאטש אז דער גלות און חורבן ביהמ"ק זענען דאך געקומען בכלליות, ווייל די אידן האבן געזונדיגט, אזוי ווי מיר זאגן ביים דאווענען "ומפני חטאינו גלינו מארצנו", פונדעסטוועגן האבן די אידן באקומען נישט סתם א נחמה, נאר א נחמה בכפלים, א דאפעלטע נחמה. און טראץ דעם זענען די אידן נאך אלץ נישט

<<<<<

### • "כדי משה זאל האבן א פתחון פה פאר די אידן".

### נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם וגו' (ישעי' מ:א, יא, - הפטורה שבת נחמו)

די הפטורה די וואך הויבט זיך אהן מיט "**נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם**", (ישעי' מ:א) און אין פ' שופטים הויבט זיך די הפטורה אהן "**אנכי אנכי מנחמכם**" (ישעי' נא:יב). קען מען דאס ערקלעהרן אזוי: רש"י (יתרו כ:ב) זאגט אויף "אנכי ה' אלקיך"—פארוואס שטייט א לשון יחיד "אלקיך"? כדי משה רבינו זאל קענען פארטיידיגן די אידן ביים זינד פונעם עגל, אז "לא להם צוית אלא לי לבדי"—פאר מיר האסטו באפוילן "לא יהי' לכם אלהים אחרים", און נישט פאר די אידן. דאס זאגט דער נביא "נחמו נחמו עמי"—נאכ'ן געוויין פון בין המצרים אויפ'ן זינד פונעם עגל וואס פון דעם זענען געקומען אלע צרות אויף כלל ישראל, וואס מיר וויינען שוין אויף דעם פאר דורות לאנג, קומט די נחמה, "**נחמו נחמו עמי**"—דער נביא טרייסט אונז! מיט וואס? "**יאמר אלקיכם**"—דער באשעפער האט דאך געקענט זאגן 'אלקיכם', און ער האט געזאגט 'אלקיך' ["אנכי ה' אלקיך"]—כדי משה רבינו זאל האבן א פתחון פה צו קענען פארטיידיגן די אידן...



כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע

און אויב דו וועסט פרעגן ס'שטייט דאך ששים רבוא אותיות לתורה, וואלט דאך נישט געקענט שטיין "אלקיכם", ווייל דעמאלט וועט זיין נאך אן אות? אבער דאס איז נישט קיין טענה ווייל ס'וואלט געקענט שטיין "אני" אנשטאט "אנכי" וואלט מען פארדינט דעם אות. און אויב וועסטו פרעגן אז ס'מוז שטיין "אנכי" ווייל די נוטריקון איז **א**'נא **נ**'פשי **כ**'תיבת **י**'הבית אדער **א**'מירה **נ**'עימה **כ**'תיבה **י**'היבה, אדער **י**'היבה **כ**'תיבה **נ**'אמנים **א**'מריה, אזוי ווי די גמרא זאגט (שבת קה:א), אבער צוליעב די רמזים אליין וואלט געווען גענוג אויף איין פלאץ ס'זאל שטין "אנכי", ווייל די עשרת הדברות איז דאך געשריבן געווארן צוויי מאהל אין די תורה און אויףביידע פלעצער שטייט "אנכי ה' אלוקיך", וואלט געקענט שטיין כאטש אויף איין פלאץ "אני ה' אלקיכם".

דאס איז די כוונה פונעם נביא "**אנכי אנכי מנחמכם**",—דער באשעפער האט געדאפעלט, דעם "אנכי ה' אלוקיך", אין פ' יתרו און אין פ' ואתחנן, דעריבער "**הוא מנחמכם**",—איז דאס אייער טרייסט ווייל פון דעם איז א באוויז אז צוליעב דעם האט דער באשעפער געזאגט "אלקיך" כדי משה רבינו זאל קענען פארטיידיגן די אידן.

*(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)*

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם...על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון הרימו בכח קולך מבשרת ירושלים...



# מיין שבת אוצר

## מיין אוצר...חודש מנחם אב...שבת נחמו...חמשה עשר באב...

<<<<<

געווען צופרידן, נאר זיי האבן גע'טענה'ט "ותאמר ציון עזבני ה'",— אז דער באשעפער האט זיי פארלאזט. און דער חידוש איז, אז כאטש די ווערטער פון א נביא איז דאך ממש אזוי ווי ס'וואלט געקומען פונעם באשעפער אליין, מיט דעם אלעם האט דער באשעפער אנגענומען די טענה פון די אידן אז זיי באגענוגען זיך נישט מיט די נחמה פון די נביאים, און דער באשעפער האט זיי געזאגט: "אנכי אנכי הוא מנחמכם",—און ער האט זיי אליין געטרייסט.

### דער באשעפער וועט מנחם זיין אידן פאר די מסירת נפש עבודה אין גלות...

**נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם וגו'** (ישעיהו מ:א) דארף מען פארשטיין, ווייל ווען משיח וועט קומען וועט דאך זיין פון אלעם גוט'ן, איז מיט וואס וועט דער באשעפער דארפן טרייסטן די אידן "נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם"? נאר מ'קען דאס פארשטיין מיט א סיפור וואס דער זיידע ז"ל [מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע] האט דערציילט: ווען דער עלטער זיידע ז"ל [כ"ק מרן מהר"י זי"ע] איז געווען אין די שטאט וויען [נישט ווען ער איז נפטר געווארן], איז דער זיידע ז"ל, מיט אים מיט געווען. זיי זענען ביידע איינגעשטאנען אין איין האטעל, און פרייטאג צו נאכט'ס, נאכ'ן טיש, ווען דער זיידע ז"ל איז געגאנגען צו זיין צימער, האט ער ארויסגעהערט פון איינע פון די צימערן, א געוואלדיגע זיסע קול תורה. דער זיידע ז"ל האט זיך אפגעשטעלט צו הערן דעם זיסן קול תורה. ער האט געעפענט אביסל די טיהר כדי יענעם נישט צו שטערן, און ער זעהט ווי ס'זיצט א זעלנער אנגעטוהן מיט מיליטערישע קליידער פונעם עסטרייכישן מיליטער, און לערנט פלייסיג הויך אויפ'ן קול. דער זיידע ז"ל איז אזוי געשטאנען און מיט שטוינונג זיך צוגעהערט צו דעם זיסן קול תורה פון דעם סאלדאט. ווען דער סאלדאט האט מפסיק געווען, איז דער זיידע אריין געקומען אין צימער און אים געגעבן שלו' און געפרעגט ווער ער איז און וואס ער טוהט דא? האט ער געענטפערט: מ'האט מיך פארכאפט אין מיליטער, און איך בין געווארן א געהילף ביים הויפט-גענעראל. האב איך געבעהטן ביים גענעראל, אז אזוי ווי איך באדין אים עהרליך און געטריי א גאנצע וואך, זאל ער מיך באפרייען יעדן שבת. און דער גענעראל האט מסכים געווען. זייט דעמאלט האב איך באשלאסן אוועק צוגעבן דעם שבת טאג אינגאנצן פאר'ן




באשעפער, און וויבאלד אין פארלויף פון די וואך האב איך נישט די מעגליכקייט צו לערנען תורה, דערפאר לערן איך א גאנצע נאכט פון שבת קודש, צו ערפוהלן וואס איך האב פארפעהלט. ווען דער זיידע ז"ל האט פארענדיגט דערציילן די מעשה האט ער זיך אנגערופן: "ס'קען זיין אז דער איד האלט צוריק די גאולה שלימה. ווייל די מלאכי השרת אין הימל זאגן פאר'ן באשעפער, זעה דעם תענוג און נחת רוח פון דעם איד'ס לערנען, ווי ווערסטו האבן אזא תענוג און נחת רוח נאך די גאולה שלימה. ווייל ווען דער באשעפער וועט העלפן און ס'וועט זיין די גאולה שלימה. וועט דעמאלט אנטפלעקט ווערן דאס גרויסע מסירות נפש וואס אידישע קינדער האבן געהאט פאר'ן באשעפער אין גלות. ווי האט רבינו הקדוש געמאכט די משניות? אין גלות. ווי האט רבי אשי געמאכט די גמרא רבי יוחנן [ירושלמי]? אין גלות. ווי האט מען געמאכט דעם זוהר הק'? אין גלות. ווי האט מען געמאכט דעם טור און בית יוסף מיט'ן שו"ע? אלעס אין גלות. אידן וועלן זעהן אז מ'האט אויפגעטוען אזעלכע גרויסע זאכן, מ'האט געמאכט אזא נחת רוח פאר'ן באשעפער אין גלות, און יעצט ווען ס'וועט זיין די גאולה שלימה ווי וועט מען נאך קענען טוען פאר'ן באשעפער אזא נחת רוח אזוי ווי אין גלות"? וועט דער באשעפער דארפן מנחם זיין אידישע קינדער. בעצם ווען ס'וועט זיין די גאולה שלימה וועט נישט זיין וואס מ'וועט דארפן מנחם זיין, אידן וועלן דינען דעם באשעפער מיט אזא עבודה אז מיר האבן דערין גארנישט קיין השגה, אידן וועלן זיך אנשטרענגען און דינען דעם באשעפער למעלה מכוחותם, און זיי וועלן טוען א נחת רוח פאר'ן הייליג'ן באשעפער. *(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מוצאי ת"ב תשע"ז)*

### "נחמו נחמו עמי" - כאטש מיר האבן געזינדיגט בלייבן מיר אין די בחינה פון "עמי"
### נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם (ישעי' מ:א).

פארוואס דארף מען נאך האבן א נחמה, נאכדעם וואס דער באשעפער וועט אונז העלפן און מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת המשיח און בנין בית המקדש?

נאר פשט איז אזוי: ווען דער באשעפער וועט העלפן און משיח וועט קומען און אונז אויסלייזן, וועט מען דעמאלט זעהן אז דער אריכות הגלות איז געווען "מפני חטאינו",—צוליעב אונזערע זינד, און אויב וואלטן מיר תשובה געטוען אין גלות וואלטן מיר באלד אויסגעלייזט געווארן. אבער אזא מחשבה, קען צוברעכן דאס הארץ און פארמעהרן צער, דעריבער צוזאמען מיט דעם וועט דער באשעפער אונז טרייסטן, אז אונזער זינד זענען געווען באונס, צוליעב'ן שאור שבעיסה ושעבוד מלכיות (ברכות יז.) און ס'איז נישט אונזער שילד. ווען אידן טוען דעם רצון ה' ווערן זיי אנגערופן "עמי", און אויב נישט ווערן זיי נישט גערופן "עמי", אזוי ווי דער פסוק (הושע ב:א) זאגט: "והיה במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם". דאס באצייכנט דער נביא: "נחמו נחמו",—דער באשעפער וועט אונז טרייסטן מיט, "עמי יאמר אלקיכם",—אז טראץ אונזערע זינד וואס איז געווען באונס, בלייבן מיר נאך אלס ביים באשעפער אין א בחינה פון "עמי".

*(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מבעלזא סעודה ב' תשנ"ו)*

### מתפלל זיין נאר אויף ישועת כל ישראל...

ס'שטייט אין די ספרים הק' אז דאס ווארטן אויף די ישועה, דאס אליין איז און הכנה צו די ישועה און די תפילה איז מקרב די גאולה. אבער בדרך הטבע ווען א מענטש איז א בעל יסורים און ליידט פארשידענע צרות, קען ער נאר דאווענען פאר זיינע אייגענע געברויכן, און ס'איז אים שווער צו דאווענען אויף די ריכטיגע ישועה. אבער ווען דער באשעפער וועט העלפן און אלע אידן וועלן אויפגעראכטן ווערן און ס'וועט זיי שוין מער גארנישט פעהלן, דעמאלט וועלן שוין אידן קענען מתפלל זיין נאר אויף די אמת'ע און גאנצע ישועה. און דאס שטייט אין ספה"ק "ייטב לב" אין נאמען פון זיין זיידן דער הייליגער "ישמח משה" זי"ע, וואס ער האט געהערט פונעם רבי'ן פון לובלין זי"ע, וואס האט דאס מקבל געווען איש מפי איש ביז אליהו הנביא זכור לטוב, צו ערקלעהרן וואס חז"ל (סנהדרין צז.) זאגן, "אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס",—אז משיח וועט קומען נאר ווען אידן וועלן אויפהערן מתפלל צו זיין אויף עניני הפרט,—פאר די אייגענע געברויכן, און זיי וועלן נאר מתפלל זיין אויף ישועת כל ישראל. *(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א)*

## מאוצרות הצדיקים

## חמשה עשר באב

### וואס חז"ל זאגן וועגן חמשה עשר באב

די גמרא (תענית כו: ל:) זאגט: "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב",—אז ס'זענען נישט געווען אזעלכע גוטע טעג פאר אידישע קינדער אזוי ווי חמשה עשר באב. און די גמרא רעכנט אויס די סיבות צוליעב וואס דער טאג איז א ספעציעלער יום טוב:

**'יום שהתרו שבטים לבוא זה בזה'**: אין פ' מסעי שטייט אז די פרויען זאלן נישט חתונה האבן מיט מענער נאר פון זייער שבט, גאר באזונדער איז געווען א באפעהל פאר אלע אידישע טעכטער וועלכע האבן נישט געהאט קיין ברודער, אז זיי טאהרן נישט חתונה האבן נאר מיט א מאן פון זייער פאטער'ס שבט, כדי די נחלה פון זייער פאטער זאל נישט אריבערגיין צו א צווייטן שבט. **'חמשה עשר באב'** האבן חז"ל מתיר געווען אז די שבטים זאלן זיך יא מעגן משדך זיין איינער מיטן צווייטן, ווייל זיי האבן גע'דרש'ענט דעם פסוק "זה הדבר אשר צוה ה' לבנות צלפחד" דאס ווארט "זה" קומט ממעט זיין, אז דער איסור איז נאר געווען פאר'ן דור פון די בנות צלפחד אליין. אזוי איז יענעם טאג געווען גאר אסאך שידוכים צווישן די אידישע קינדער.

**'יום שהותר שבט בנימין לבוא בתוך הקהל'**: צווישן כלל ישראל האט אויסגעבראכן א געפערליכע מחלוקת מיט שבט בנימין צוליעב די מעשה פון פלגש בגבעה, (שופטים כא:א) "ואיש ישראל נשבע במצפה לאמר איש ממנו לא יתן בתו

<<<<<

נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם...על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון הרימו בכח קולך מבשרת ירושלים...

<<<<<

לבנימין לאשה". און ס'איז געווען אן איסור זיך משדך צו זיין מיט שבט בנימין. '**חמשה עשר באב**' האבן חז"ל צוריק מתיר געווען זיך משדך צו זיין מיט בנימין אין די שפעטערדיגע דורות, ווייל ס'שטייט "ממנו", ולא מבנינו",—אז די שבועה איז נישט אויף די קינדער.

**'יום שכלו בו מתי מדבר':** נאכ'ן חטא המרגלים האט דער באשעפער גוזר געווען אז דער דור המדבר וועט נישט אריינקומען קיין ארץ ישראל, יעדן תשעה באב פלעגן די אידן זיך אריינלייגן אין א קבר און זיך צוגעגרייט צו שטארבן, און טייל זענען געשטארבן און אנדערע זענען געבליבן לעבן ביז'ן קומענדיגן יאהר ווען מ'האט זיך ווידער אריינגעלייגט אין א קבר. ביים פערציגסטן יאהר האט זיך די גזירה שוין געהאט געענדיגט, די אידן האבן נישט געוואוסט האבן זיי זיך געגרייט צום שטארבן ווי שטענדיג, דערווייל זענען זיי אלע לעבעדיג געבליבן, האבן זיי געמיינט אז זיי האבן געהאט א טעות אין די טעג, אבער '**חמשה עשר באב**' ווען זיי האבן געזעהן אז די לבנה איז שוין גאנץ האבן זיי פארשטאנען אז זיי בלייבן לעבן, האבן זיי געמאכט א גרויסע משתה ושמחה. פון דעמאלט אהן האט דער באשעפער ווידער גערעדט מיט משה רבינו ביחוד ובחיבה, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (דברים ב:טז,יז) "ויהי כאשר תמו וגו' וידבר ה' אלי וגו'", נאכדעם וואס דער דור המדבר איז געשטארבן.

**'יום שביטל פרוסדיות שהושיב ירבעם בן נבט':** ירבעם בן נבט איז געווען דער ערשטער פון די מלכי ישראל, און ער האט צוגערעדט די עשרת השבטים זיך אפצוטיילן פון שבט יהודה, ער האט אבער מורא געהאט אז ווען די אידן וועלן גיין עולה רגל זיין קיין ירושלים וועלן זיך צוריק צוזאמענשטעלן מיט מלכות יהודה, האט ער געשטעלט שומרים, זיי זאלן אכטונג געבן אז מ'זאל נישט קענען ארויפגיין עולה רגל זיין. מיט יאהרן שפעטער '**חמשה עשר באב**', האט הושע בן אלה מלך ישראל מבטל געווען די גזירה.

**'יום שנתנו הרוגי ביתר לקבורה':** אין די צייטן פון חורבן בית שני איז געווען א שרעקליכע הריגה אין ביתר, נאכ'ן מרד פון בר כוכבא, ווען דער קיסר האט באפוילן אויסצוהרג'ענען טויזנטער אידן און מ'זאל זיי נישט באערדיגן ר"ל. מיט א צייט שפעטער '**חמשה עשר באב**', האט די מלוכה געגעבן רשות צו באערדיגן די מתים, און מ'האט דעמאלט געזעהן אז די מתים האבן נישט געהאט קיין שלעכטן גערוך, צוליעב דעם האבן די חכמים אין יבנה מתקן געווען צו זאגן ביים בענטשן די ברכה



פון הטוב והמיטב,—"הטוב", פאר'ן נישט שלעכטן גערוך, "והמיטב", אז זיי מ'האט זיי באגראבן.

**'יום שפסקו לכרות עצים למערכה':** ווען דער ביהמ"ק איז געשטאנען האט מען יעדן טאג פון ר"ח ניסן געשניטן העלצער פאר די מערכה פון מזבח, און דאס האט מען בעיקר געטוען אין די טעג ווען די זון איז הייס כדי די העלץ זאל נישט האבן קיין ווערים, דורכדעם וואס זיי זענען נישט גענוג טריקן, '**חמשה עשר באב**' ווערט די זון שוואכער, האט מען דעמאלט אויפגעהערט צו שניידן דאס האלץ פאר די מערכה, האט מען געמאכט א שמחה לכבוד גמרה של מצוה. דעם טאג האט מען אויך גערופן "יום תבר מגל"—דער טאג וואס מען האט צובראכן דאס אייזן, ווייל מ'האט מער נישט געשניטן האלץ פאר די מערכה מיט'ן אייזערנעם האק.

**'לימוד התורה':** פון '**חמשה עשר באב**' הייבן שוין די נעכט אהן צו ווערן לענגער, דעריבער דארף מען אנהייבן צו לערנען תורה ביינאכט, וואס דעמאלט גיט מען צו פון הימל אריכות ימים, אויב נישט ח"ו איז דאס פארקערטע (תענית לא.).

### ברכת השנה

אין "הקובץ הבאר" (שנה ט"ו) ווערט געברענגט בשם הגאון החסיד רבי יחיאל זצ"ל אבד"ק קאמרוב וואס ער האט געהערט פון הרה"ק רבי יעקב משה פון קאמארנא זי"ע, וואס האט געהערט פונעם טריסקער מגיד זי"ע, וואס האט מקבל געווען פון זיין זיידן הרה"ק רבי נחום משערנאביל זי"ע וואס האט מקבל געווען פונעם בעש"ט הק' זי"ע וואס האט מקבל געווען פון זיין רבי'ן אחיה השילוני: "אז פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, אזויפיהל מאהל וואס א איד וואונטשט פאר זיין חבר א "כתיבה וחתימה טובה", איז ווען ס'קומט ראש השנה און די גאנצע וועלט גייט אריבער כבני מרון פאר'ן באשעפער וועלן די זעלבע צאהל מלאכים מלמד זכות זיין אויף דעם איד אויבן אין הימל". און הרה"ק מקאמארנא פיהרט אויס אז "**חמשה עשר באב**" (928) איז בגימטריא "**כתיבה וחתימה טובה**" (928).

<<<<<

### שלא לבייש את מי שאין לו...

מיר שטייען יעצט פאר'ן גרויסן טאג חמשה עשר באב, וואס די משנה (תענית) זאגט: "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב, שבהם בנות ישראל יוצאות בכלי לבן שאולין, און רש"י זאגט אפילו העשירות, די רייכע האבן אויך געבארגט, שלא לבייש את מי שאין לו", דאס איז א גרויסער יום טוב, אז מ'פארשעהמט נישט איינער דעם צווייטן. קען מען טייטשן וואס ס'שטייט "בכל עת יהיו בגדיך לבנים, ושמן על ראשך לא יחסר", בכל עת, אין אלע זמנים [ובפרט בחודש תמוז אב אלול ווען מען גרייט זיך אויף די הייליגע טעג הבעל"ט וואס "תמוז אב אלול" איז גימטריא "בכל עת"] "יהיו בגדיך לבנים", מרמז צו זיין אויף די "כלי לבן שאולין", שלא לבייש, מ'זאל ח"ו קיינעם נישט פארשעהמען, דעמאלט וועט זיין "ושמן על ראשך לא יחסר",—די אלע פעטע השפעות אין רא"ש השנה וועט דיר נישט פעהלן [שמ"ן איז די ר"ת **ש**'ידוכים **מ**'זונות **נ**'חת], און טאקע דעם טאג "**חמשה עשר באב**" וואס איז בגימטריא "**כתיבה וחתימה טובה**" האט מען דאס איינגעפיהרט, ארויסצוברענגען די גרויסע חשיבות פון שלא לבייש, נישט צו פארשעהמען, און די משנה איז מסיים אויף דעם "**זה בנין בית המקדש שיבנה במהרה בימינו**". *(מתוך העלון 'לאמיר זיך איבערבעטן')*

### • דער אנהייב צו די הייליגע טעג כתיבה וחתימה טובה

אין "בני יששכר" שטייט אויך אז פון חמשה עשר באב הויבט שוין אהן ארויס צו שיינען די ליכטיגקייט פון ראש השנה און פון דעמאלט אהן ערוועקן זיך די געהויבענע טעג פון רחמים און תשובה, און דאס איז דער טעם פונעם מנהג ישראל אז פון חמשה עשר באב וואונטשט מען זיך שוין א "כתיבה וחתימה טובה". ווייל 'חמשה עשר באב' (928) באטרעפט פונקט אזויפיהל ווי 'כתיבה וחתימה טובה' (928), מ'גרייט שוין צו א כתיבה




וחתימה טובה פאר ראש השנה. דערפאר זענען דא וואס פיהרן זיך אז ווען זיי שרייבן א בריוו פון 'חמשה עשר באב' און ווייטער, וואונטשט מען שוין א 'כתיבה וחתימה טובה'. אן אנדייטונג דערצו איז דא, ווייל די אותיות 'חמשה עשר באב', באטרעפן (928) ניין הונדערט אכט און צוואנציג. פונקט וויפיהל די ווערטער פון 'כתיבה וחתימה טובה". (928).

נאך אן אנדייטונג אז די טעג פון תשובה הייבן זיך אהן פון חמשה עשר באב און ענדיגן זיך אין הושענא רבא. ווייל משה רבינו האט געזאגט צו די אידן: (דברים כט:ט) "אתם נצבים היום כלכם לפני ה' אלוקיכם...מחטב עציך, עד שאב מימך",— איר שטייט היינט אלע פאר'ן באשעפער, פון אייער האלץ האקער ביז אייער וואסער טרעגער. "חטב עציך",—באציהט זיך אויף 'חמשה עשר באב'. וואס דעמאלט הערט מען אויף צו שניידן די האלץ פאר די מערכה. און "שאב מימך",—באציהט זיך אויף הושענא רבא וואס אין דעם יו"ט (סוכות) איז די צייט פון ניסוך המים.

<<<<<

## מחילה סליחה וכפרה

ס'שטייט אין זוהר הק': "ותולעת שני דא חמשה עשר באב",—תולעת שני באדייט חמשה עשר באב. קען מען ערקלעהרן די כוונה לויט וואס די גמרא (תענית ל:) זאגט: לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכיפורים שבהן בנות ישראל יוצאות בכלי מילת לבנות, וואס דאס ווערט געמאכט פון א תולעת, און באדייט אויפ'ן תולעת שני. אז פאר אידן איז דא מחילה וסליחה וכפרה חמשה עשר באב, און ס'זאל מקויים ווערן (ישעיה א:יח) "אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו". *(אור לשמים, פ' תרומה)*

## הכנה רוחנית ליום כיפור

הרה"ק מסאדיגורא זי"ע האט געזאגט ט"ו אב תרל"א, א טעם פארוואס זיין פאטער דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט נישט געפיהרט א טיש ט"ו באב אזוי ווי ט"ו בשבט? ווייל ט"ו באב, איז געגליכן צו יוהכ"פ ווען מ'עסט נישט און מ'טרינקט נישט. אזוי ווי חז"ל (תענית כו:) זאגן: לא היו ימים טובים בישראל כט"ו באב ויוהכ"פ", און אזוי ווי ס'שטייט אין לבוש (סי' תר"ע סעי' ב',) דער חילוק פון חנוכה און פורים, וואס חנוכה האט מען באשטימט להודות ולהלל, און פורים למשתה ולשמחה. אזוי אויך איז דא. ט"ו באב איז אן הכנה צו ר"ה און יוהכ"פ, און פון דעמאלט איז מען מוסיף אין לימוד התורה ביינאכט, וואס דאס איז אן רוחנייות'דיגע הכנה וואס איז געגליכן צו יום הכיפורים ווען מ'עסט נישט. *("נר ישראל" ח"ב)*

## ענדע יאהר איז א זמן פון תשובה

די טעג פון תשובה הייבן זיך שוין אהן פון חמשה עשר באב און ווייטער. ס'שטייט אין ספה"ק "קדושת לוי", אז אזוי ווי די וועלט איז באשאפן געווארן כ"ה אלול, און חמשה עשר באב איז פערציג טעג פריער, וואס דאס איז אזוי ווי די "ארבעים יום קודם יצירת הולד" וואס חז"ל זאגן אונז אז פערציג טעג איידער א קינד ווערט געבוירן רופט מען אויס אין הימל ווער ס'וועט זיין זיין זיווג, דאס זעלבע איז מיט די טעג פון חמשה עשר באב און ווייטער וואס זענען שוין די טעג פון הכנה און תשובה איידער מיר גייען צו צום זמן פון בריאת העולם און צום



יום הדין. און כדי א איד זאל נישט ווערן צובראכן ביי זיך ווען ער וועט מאכן א חשבון הנפש און זעהן ווי די יאהר איז שוין כמעט אינגאנצן פאריבער, און ס'קומען שוין די הייליגע טעג, אבער ער איז נאכנישט גרייט ווייל ער האט נאכנישט געטוען תשובה, דעריבער האט דער באשעפער אוועק געשטעלט די טעג פון אב און אלול, די חדשים פון ענדע יאהר, אז ס'איז א ספעציעלע זמן פון תשובה. און ווי דער "ישמח ישראל" זצוק"ל פלעגט זאגן אז ס'איז דער 'סעזאן' פון תשובה, און ווי באקאנט אז פאר יעדער סחורה איז דא א געוויסע צייט ווען מענטשן זוכן דאס צו קויפן, און דעמאלט איז די ריכטיגע סעזאן, ווען אלע סחורות ווערן צוכאפט פון די געשעפטן, און וועלכער סוחר ס'וועט נאר ברענגן פון די סחורה וועט מען דאס גלייך צוכאפן פון זיינע הענט. און דאס איז פשט אין וואס מיר זאגן ביים דאווענען אין די ימים נוראים "אם ישוב מיד תקבלו",—אויב א איד טוהט תשובה ווען ס'איז דער 'סעזאן' פון תשובה, "מיד תקבלו",—גלייך פון זיין האנט ['יד' מיינט האנט] וועט דער באשעפער אהנעמען די תשובה, ווי איינער וואלט געכאפט פון די הענט פונעם סוחר.

## • "מ'ריטשט שוין די בענקלעך"

דער צאנזער רב זי"ע האט געזאגט, אז נאך חמשה עשר באב "ריטשט מען שוין די בענקלעך" אין הימל. [ד.ה. מ'גרייט זיך שוין צום יום הדין]. האט אויף דעם דער הייליגער רוזשינער זצוק"ל געזאגט: **"דער צאנזער רב איז דאך אין הימל, און אז ער זאגט אז מען ריטשט דארט די בענקלעך, ווייסט ער וואס ער רעדט"** ...

## • 'מ"ה' ה' אלקיך שואל...כי אם ליראה

הרה"צ רבי יוחנן מראחמיטריווקא זצוק"ל האט געזאגט א רמז אויפ'ן פסוק (דברים י:יב) "מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה וגו'". "מה" באטרעפט פינף און פערציג. דאס גייט ארויף אויף די פינף און פערציג טעג פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, וואס אין די טעג פארלאנגט דער באשעפער אז מ'זאל ארבעטן אויף זיך, מ'זאל צוקומען צו "כי אם ליראה"—די מדת היראה בשלימות.

## • דער גרעסטע יום טוב ביי אידן איז 'אחדות'

די גמרא (תענית כו:) זאגט: "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב"—ס'איז נישט געווען קיין ימים טובים ביי אידן אזוי ווי חמשה עשר באב. אויך זאגט די גמרא (תענית לא.) רבי אלעזר האט געזאגט, לעתיד לבוא, וועט דער באשעפער מאכן א טאנץ מיט די צדיקים, און ער וועט זיצן אינמיטן. די כוונה פונעם טאנץ איז, ווייל ווען מען טאנצט אין א רינג, איז נישטא קיין אנהויב און א ענדע, נאר יעדער איז איניג, דאס איז א רמז אז ווען משיח וועט קומען, וועט בטל ווערן די קנאה און שנאה, יעדער וועט זיין איניג. מיט דעם טייטשט דער אפטא רב זי"ע, "לא היו ימים טובים לישראל"—ס'איז נישטא קיין גרעסערע יום טוב ביי אידן, "כחמשה עשר בא"ב",—אזוי ווי די פופצטענע אות פון די א"ב, וואס דאס איז דער אות "ס", וואס איז רונדעכיג, און האט נישט קיין אנהייב און קיין ענדע, דאס מיינט אז די גרעסטע שמחה איז אז קיינער האלט זיך נישט גרעסער פונעם צווייטן, נאר יעדער איז באחדות—איניג. *('בני יששכר' מאמרי חודש תמוז-אב, מאמר ד')*

## מוסיף זיין אין תורה

חז"ל (תענית נו: ל:) זאגן: לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וגו'. זאגט די גמרא דארט, "מכאן ואילך מאן דמוסיף יוסיף", זאגט רש"י: דמוסיף לילות על הימים לעסוק בתורה, יוסיף חיים על חייו. ס'איז א בפירוש'ע הבטחה אויף אריכות ימים. אפילו איינער וואס לערנט 18 שעה אין מעת לעת, זאל ער צולייגן נאך פינף מינוט צום לערנען. צום ביישפיעל, אפילו מ'געוואוינט זיך צוצולייגן דאס זאגן נאך צוויי-דריי משנה'ס אין פרקי אבות יעדער נאכט, וואס מ'האט ביז יעצט נישט געטוען, איז מען אויך אין כלל פון "מאן דמוסיף יוסיף".

## • לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא

• **הרה"ק רבי מענדל'ע רימנוב'ער זי"ע:** דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע האט נישט צוגעלאזט אלס בעל תפלה אין די ימים נוראים, א בעל תפלה וואס האט נישט געלערנט א בלאט גמרא יעדן טאג פון חמשה עשר באב. איינמאהל האט

<<<<<

## •ענדע פון יאהר פאר די פלאנצונגען

'חמשה עשר באב' איז דער לעצטער טאג פונעם יאהר, פון פאר ראש השנה. פאר אלע בוימער פלאנצונגען אויף צו רעכענען פאר שמיטה און ערלה. פאר'ן יאהר פון שמיטה דארף מען פלאנצן די בוימער אז ס'זאל בלייבן א צייט פון דרייסיג טעג ביז ראש השנה, פון ווען די פלאנצונג, האט זיך שוין איינגעווארצלט. די צייט פון איינפלאנצונג נעמט אומגעפער צוויי וואכן. לויט דעם קומט אויס, אז דער לעצטער טאג צו פלאנצן איז חמשה עשר באב [וואס איז 45 טעג]. און דעריבער האבן חז"ל פארבאטן צו פלאנצן שפעטער, צוליעב מראית עין, כדי מענטשן זאלן נישט זאגן, אז מ'האט דאס איינגעפלאנצט אין שמיטה! איינער וואס פלאנצט איין ביז פיר און פערציג טעג פאר ר"ה איז זיין פלאנצונג א ריכטיגע. אבער ווען מען פלאגצט איין ווייניגער ווי פיהר און פערציג טעג פאר ראש השנה, דארף מען די פלאנצונג אויסרייסן. בדיעבד אויב מ'האט נישט אויסגעריסן, זענען די פירות מותר.

דאס זעלבע איז ביי ערלה אויב מ'האט איינגעזייט א בוים ביז 'חמשה עשר באב' רעכענען זיך די טעג ביז ר"ה שוין ווי דאס ערשטע יאהר פון ערלה, און די פירות זענען פערבאטן צו עסן נאר צוויי יאהר. מ'דארף נישט ווארטן



פוהלע דריי יאהר, ווייל די דרייסיג טעג פון די איינפלאנצונג פאר ראש השנה, זענען וויכטיג ווי א גאנץ יאהר. (און פערצן טעג נאר ביז צו די איינפלאנצונג [קליטה]) אבער, אויב די פרוכט זענען רייף געווארן פאר חמשה עשר בשבט פון פערדן יאהר, זענען די פרוכט פארבאטן אויך אינעם פערדן יאהר.

<<<<<

איינער פון די בעלי תפלה נישט געלערנט א בלאט גמרא יעדן טאג, ווייל ער איז געווען פארנומען מיט דער מצוה פון פדיון שבוים, אבער דער רבי ר' אלימלך האט אים נישט צוגעלאזט צום עמוד דאווענען.

### • ס'הייבן זיך שוין אן די ימי הרחמים

ס'שטייט אין די ספרים, אז כאטש די חדשים תמוז און אב זענען טעג פון דינים, אבער פון "חמשה עשר באב" און ווייטער, הייבן זיך שוין אן די ימי הרחמים ורצון פון חודש אלול און תשרי.

### חמשה עשר באב א תיקון פאר תשעה באב

דאס ספעציעלקייט פון חמשה עשר באב איז, אז ס'איז א תיקון פון תשעה באב. תשעה באב איז דאס בית המקדש חרוב געווארן צוליעב שנאת חינם, און חמשה עשר באב איז דער טאג מסוגל פאר אהבת חינם, ווייל אין דעם טאג האט מען מתיר געווען די שבטים זיך משדך צו זיין איינער מיט'ן אנדער'ן... *("לב שמחה", בשם אחיו ה"בית ישראל" מגור זצוק"ל).*

### לערנען מסכתות 'כתרי"ס' בפני פורעניות

הרה"ק רבי יעקב מווידאמע זצוק"ל, (א תלמיד פון הרה"ק רבי ישעי' מפשעדבורז, און תלמיד חבר פון 'תפארת שלמה' פון ראדאמסק). פלעגט יעדעס יאהר ליל חמשה עשר באב, אנהייבן צו לערנען די מסכתות: כריתות, תענית, ראש השנה, יומא און סוכה, און אין יום כיפור האט ער געמאכט א סיום אויף די מסכתות. ער האט געזאגט: די משנה (אבות ד:יא) זאגט: "תשובה ומעשים טובים **כתרי"ס** בפני הפורעניות", **כתרי"ס** איז די ראשי תיבות פון די מסכתות. *('עטרת שלמה', עמ' מז).*

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

## חמשה עשר באב

### די שמחה פון חמשה עשר באב

די משנה (תענית ד:ח) זאגט: "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכיפורים". דער באדייט פון די שמחה קען מען פארשטיין לויט ווי די גמרא (מכות כד:) דערציילט: רבי עקיבא וחבריו זענען געגאנגען קיין ירושלים, און זיי האבן צוריסן זייערע קליידער אויפ'ן הר הצופים, און ביים הר הבית האבן זיי געזעהן א פוקס ארויסגיין פון קדשי הקדשים האבן זיי אנגעהויבן וויינען און רבי עקיבא האט געלאכט. אויף זייער פראגע פארוואס ער לאכט? האט זיי רבי עקיבא געזאגט, אז זיין שמחה איז לויט וואס דער נביא זכרי' האט געזאגט (מיכה ג:יב) ביי די נבואה פון אוריה: "לכן בגללכם ציון שדה תחרש", און אין זכרי' (ח:ד) שטייט: "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים", איז יעצט אז ס'איז מקוים געווארן די נבואה פון אורי', וועט דאך אויך מקוים ווערן די נבואה פון זכרי', איז דעריבער פריידט ער זיך. קען מען ערקלערן זיין שמחה לויט וואס דער "קדושת לוי" זאגט: (מגילת איכה ד"ה כל) אויף די גמרא "כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה". וואס דאס איז א לשון הוה, אז ער זעהט שוין בשמחתה,—אביסל פון די שמחה וואס וועט זיין לעתיד לבוא. ד.ה. ער איז שוין יעצט זוכה צו זעהן פון דעם לעכטיג'ן התגלות, וואס איז באהאלטן אין דעם פינסטערן גלות... און דעריבער האט רבי עקיבא געלאכט ווייל מיט זיין מתאבל ווי ס'באדארף צו זיין, האט ער שוין גלייך זוכה געווען צו זעהן בשמחתה. און די שמחה ווערט נתגלה אין חמשה עשר באב, ווייל דורך זיין אבילות אויף ירושלים אין די ימי המצרים, ווערט מקוים דער "זוכה ורואה בשמחתה", שוין יעצט. *(כ"ק מרן אדמו"ר מבעלזא שליט"א)*

### ער ציטערט שוין פון ט"ו באב

מ'דערציילט אז פון חמשה עשר באב, ווען כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע, נאך אלס קינד, ווען ער האט זיך געלייגט שלאפן ביינאכט האט ער ממש געציטערט פון שרעק, אז מ'האט אים



געמוזט צודעקן מיט א ווארעמע דאכענע. אמאהל האט מען אים געפרעגט פארוואס ער ציטערט אזוי, ווייל געוועהנליך איז דעמאלט הייסע טעג, אזוי ווי חז"ל (יומא כט) זאגן: אז די ענדע טעג פונעם זומער זענען שווערער, ווי דער זומער אליין? האט מרן זי"ע געענטפערט: "אז די שוועסטער האט מיר אמאהל געזאגט 'אהרל'ה זאלסט וויסן אז אין חודש אלול, טוען אפילו די פיש אין וואסער ציטער'ן פון שרעק פונעם חודש אלול', האב איך פארשטאנען, די פיש אין וואסער פארשטייען דאך גארנישט, דעריבער איז פאר זיי גענוג צו ציטערן פון חודש אלול, אבער איך ווייס דאך אבער יא אז ס'שטייט אין די הייליגע ספרים אז פון חמשה עשר באב און ווייטער הויבן זיך אהן די בענקלעך אין הימל צו ריקן פון פארכט פאר'ן יום הדין, דעריבער ציטער איך שוין פון חמשה עשר באב.

### "מוסיף זיין אין לערנען"

• **כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע** האט אין די נאכט פון חמשה עשר באב, דערמאנט אז מ'דארף מוסיף זיין בלימוד התורה און ער האט געשיקט די משמשים זיי זאלן גיין לערנען.

### "ס'איז דאך א יום טוב"

הרה"ח ר' מרדכי וועבער שליט"א פון ירושלים, האט קובע געווען זיין פאטער'ס יאהרצייט אויף 'חמשה עשר באב'. ווען ער האט דאס דערציילט פאר מרן זי"ע, האט אים מרן זי"ע מיט א וואונדער געפרעגט: "ס'איז דאך א יום טוב"? האט ער געענטפערט אז ער האט געהאט געפרעגט דעם פאפא רב זצ"ל, [דער "ויחי יוסף"] האט מרן זי"ע שוין מער נישט רעאגירט.

## מאוצרות הצדיקים

## משיח צדקנו

### 'עני ורוכב על החמור'

דער 'חמור' וואס משיח וועט אויף אים רייטן, איז א זוהן פונעם 'אתון' וואס איז באשאפן געווארן אינעם זעקסטן טאג פון די ששת ימי בראשית, בין השמשות. דעם חמור האט אברהם אבינו איינגעשפאנט ווען ער איז געגאנגען צו די עקידה מיט יצחק, און אויף דעם חמור האט משה רבינו געמאכט רייטן זיינע קינדער, קיין מצרים. *(פרקי דרבי אליעזר פרק ל)*

### דער שטעקן פון משיח

דער שטעקן וואס משה רבינו האט געהאט און געשלאגן דערמיט דעם שטיין, האט ער שפעטער איבערגעגעבן פאר יהושע בן נון, פון אים איז דאס אריבער צו יעדן מלך און שופט פון כלל ישראל, דוד המלך, אליהו הנביא, א.א.וו. ביז דער בית המקדש איז חרוב געווארן, און לעתיד לבוא וועט דאס זיין אין האנט פון משיח. *(מדרש תנחומא במדבר פ' יז)*

### דער 'חמור' פון משיח

דער 'חמור' פון משיח, האט אברהם אבינו ווייטער איבערגעגעבן פאר זיין זוהן יצחק אבינו, יצחק האט דאס איבערגעגעבן פאר יעקב אבינו, וואס האט דאס איבערגעגעבן פאר לוי, און מיט דעם איז לוי ארומגעגאנגען ביי די פעלדער און צונויף געזאמלט די מעשר וואס מען האט אים געדארפט געבן. דערנאך האט דאס לוי איבערגעגעבן פאר זיין זון קהת, און קהת פאר עמרם, און עמרם פאר משה רבינו, וואס איז ארויף דערמיט צום הר נבו, ווען ער איז נסתלק געווארן פון די וועלט. אט דער 'חמור' איז איבערגעבליבן פאשן דארט אויף 'הר נבו' ביז'ן היינטיגן טאג, און ס'איז דארט ביז משיח וועט קומען און וועט רייטן אויף אים. *("מדרש תלפיות" ערך חמור)*

### "עם הדומה לחמור"

ס'שטייט פון צדיקים ז"ל, אז דער לעצטער גלות וואס אידישע קינדער וועלן אדורכגיין פאר משיח וועט קומען, וועט זיין דער גלות ישמעאל. ס'שטייט אין זוהר הק' אז די קליפה פון ישמעאל איז חמור. און דעריבער ווער ער גערופן "עם הדומה לחמור"—דאס פאלק וואס איז געגליכן צו אן אייזל. משיח וועט זיין א 'עני ורוכב על החמור'—און מיט זיין חמור וועט ער צוברעכן די קליפה פון דעם "עם הדומה לחמור". *(מפי הגאון בעל "נטעי גבריאל" שליט"א)*

## מאוצרות רבוה"ק מבעלזא

## משיח צדקנו

### "פאר'ן כבוד פון הייליג'ן באשעפער"

כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע האט אמאהל געפרעגט זיין פאטער כ"ק מרן מהר"ש זי"ע, פארוואס בעהטן מיר אזוי

<<<<<

<<<<<

שטארק אויף ביאת המשיח, ווייל ווען משיח וועט קומען און ס'וועט זיין "ומלאה הארץ דעה את ה'", וועט אוועק געזומען ווערן די בחירה פונעם מענטש און זיין עבודה וועט מער נישט האבן אזא חשיבות? האט אים מרן מהר"ש זי"ע געענטפערט: "אמת טאקע ס'וועט אזוי זיין, אבער זאלסט וויסן אז נישט פאר אונזער גוט'ס בעהטן מיר אויף משיח און די גאולה שלימה, נאר פאר'ן כבוד פון באשעפער ס'זאל זיין 'יתגדל ויתקדש שמיה רבה'". *(כ"ק מרן אדמו"ר מבעלזא שליט"א)*

## אמת'ע יראת ה' וועט זיין ווען משיח וועט קומען

וועגן די געהויבענע טעג פון ביאת המשיח האט זיך מרן מהר"ש זי"ע אויסגעדריקט טייטשנדיג דעם פסוק (תהילים יט:י) "יראת ה' טהורה עומדת לעד"—די ריינע אמת'ע יראת ה' וועט ערשט זיין לעתיד, ווייל אזוי לאנג ווי מיר זענען אין גלות, קענען מיר נישט צוקומען צו די ריכטיגע און ריינע מדריגה פון יראת ה'. *("דעת שלום" -שאץ)*

## • איך וועל מיך נישט האבן מיט וואס צו שעהמען

אמאהל האט מרן זי"ע געזאגט פאר'ן משמש בקודש ר' ארי' לערמאן ע"ה: "ווען משיח וועט קומען וועט דער טאטע ז"ל [מרן מהרי"ד זי"ע], אקעגן גיין משיח מיט זיינע אינגעלייט, און איך וועל אים אקעגן גיין מיט מיינע אינגעלייט, און איך וועל מיך גארנישט האבן וואס צו שעהמען". מרן זי"ע האט אויסגערעכנט עטליכע נעמען, אבער ר' ארי' האט נאר אויפגעכאפט איין נאמען, פון החסיד ר' יעקב אליעזר מדובעצק ז"ל, וואס האט זוכה געווען צו דורות ישרים ומבורכים אין אונזער קהלה. *(הרה"ח ר' משה שיינערט שליט"א)*

## • פסח מישט ער זיך נישט...

אמאהל איז דר. רוזנהאך דער אויגן דאקטער פון תל אביב, [נישט א פרומער] געקומען באהאנדלן מרן מהר"א זי"ע אויף די אויגן. מרן זי"ע האט אים מכבד געווען מיט א גלעזל וויין, אבער מרן זי"ע אליין האט נישט געטרינקען. ווען דער דאקטער האט זיך געוואונדערט דערויף, האט מען אים ערקלעהרט אז נאר פסח ביינאכט טרינקט דער רב פיהר כוסות וויין. רופט ער זיך אהן: "יא! אויף פסח שטעל איך אויך אליין ראזשינקע וויין און בָּאָרשט, און יום כיפור פאסט איך". ווען דער דאקטער האט פארלאזט די שטוב, האט מרן זי"ע זיך אנגערופן: "ווען משיח וועט קומען וועט ער דארפן מקרב זיין די אלע וואס צוליעב פארשידענע סיבות האבן נישט געקענטביישטיין די נסיונות און זענען אדורכגעפאלן. און אויב ער זאל טרעפן אזא איד וואס שטעלט אליין ראזשינקע וויין און בָּאָרשט אויף פסח, און ער פאסט אויך יום כיפור, וועט דאס ביי אים זיין א גאר גרויסע שמחה". ס'איז געווען קענטיג אויף מרן זי"ע אז ער האט הנאה געהאט צו הערן וועגן די גרויסע מצוות וואס דער דאקטער איז מקיים.

אמאהל ווען דער דאקטער איז געווען ביי מרן זי"ע, האט ער געמאלדן, אז פסח וועט ער נישט קענען קומען. נאכ'ן אוועקגיין, האט מרן זי"ע געזאגט: "איר ווייסט פארוואס ער וועט נישט קומען פסח, ווייל ער טראכט אז איך וועל אים מכבד זיין טועם צו זיין, און פסח מישט ער זיך נישט". *("פאר משה" - הרה"ח ר' משה אורטנר ז"ל)*

## • "משיח וועט יעדן מקרב זיין. אויסער די וואס שפעטן אפ..."

אמאהל האט כ"ק מרן מהר"ש זי"ע זייער געקרעכצט און געזאגט: "שוין א פאר יאהר וואס די אויגן גייען מיר ארויס פון ארט מ'זאל זוכה זיין אין די היינטיגע צייט צו ביאת המשיח". האט זיין תלמיד הרה"ק רבי יעקב משה מהובניב זצ"ל געזאגט פאר מרן זי"ע: "דער רבי האט נישט וואס צו זארגן, ווייל ער קען גלייך ארויסגיין מקבל זיין משיח צדקנו, אבער איך אליין האב מורא, ווייל מיט וואס וועל איך ענטפאנגען משיח און מיט וואס פאר א פנים וועל איך מיך פאר אים באווייזן, ווייל ווען ער וועט מיך זעהן וועט ער מיר אוודאי זאגן אז איך זאל צוריק גיין אויף מיין פלאץ". האט מרן זי"ע אוועק געמאכט זיינע רייד און געזאגט: "חלילה דו זאלסט אזוי זאגן אז משיח




וועט דערווייטערן פון זיך אידישע קינדער?!... די וואס פאהרן צום צדיק וועט משיח אוודאי שטארק מקרב זיין, און נישט נאר די וואס גייען ארויס פון שטוב צו פאהרן צום צדיק, נאר אויך די וואס זענען געגאנגען צום צדיק, זייענ'דיג צופעליג אינעם צדיק'ס וואוינ-ארט, און אויך די וואס פאהרן נישט צום צדיק נאר קומען ווען דער צדיק געפונט זיך ביי זיי אין שטאט, אפילו זיי וועט משיח אויך מקרב זיין. אפילו 'די גאלע בראדינקערס',—אזעלכע וואס שעהרן זיך די בערד, וועלן אויך זוכה זיין אז משיח וועט זיי מקרב זיין, און ער וועט אנווייזן פאר אידישע קינדער מלמד זכות צו זיין אויף זייער אויפיהרונג. ווייל זיי האבן דאס געטוען צוליעב פרנסה אדער ווייל זיי האבן געוואוינט אויף אזעלכע אפענע ערטער און קיינער איז דארט נישט געווען וואס זאל זיי אנווייזן דעם ריכטיג'ן וועג. אבער! האט מרן זי"ע אויסגעפיהרט, די וואס האבן געשפעט פון די רייד פון אונזערע חכמים, פאר זיי וועט זיין שטארק ביטער... אזוי שטארק ביטער, ממש אזוי ביטער ווי דער טויט. *(ספר "חמדה גנוזה",—כתבי הרה"ק רבי סיני מזמיגראד זצ"ל)*

## מאוצרות הצדיקים

### חבלי משיח

#### מחבלי משיח יצלו לרווחה

שטייענדיג אין די טעג פון נחמה און גאולה, איז כדאי מעתיק צו זיין וואס ס'שרייבט דער הייליגער ראפשיצער רב זצ"ל אין זיין ספר "זרע קודש" (פ' כי תצא), וואס דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע האט געזאגט איבער'ן ענין פון בנין בית השלישי בב"א, און אויך איבער די גרויסע עבודה פון זיין תלמיד דער "חוזה" פון לובלין זי"ע. און אזוי שרייבט ער: "אזוי האב איך געהערט פון הרב הקדוש מורינו הרב אלימלך זצ"ל, ווען ער האט געמאכט אן עליית נשמה, האט ער געזעהן אז מ'טראגט די כלים פון בית המקדש, און זיי האבן אים געזאגט אז דאס זענען די כלים וועלכע ער, דער רבי ר' אלימלך, מיט זיין הייליגע עבודה האט ארויסגעצויגן פון גלות, און זיי טראגן דאס צו די קדושה, איינמאהל האט ער מיר דערציילט, אז ס'איז איינגעפאלן א גאר גרויסע תפלה א שטארקע פעסטונג, און יעדן טאג גייען ארויף הונדערטער טויזענטער בעלי מלאכות אויפצובויען די מויער (דאס מיינט דורך די זינד פוו אידישע קינדער ל"ע). אבער איך האב א גוטן שומר, ווען הרב מורינו הרב יעקב יצחק פון לאנצהוט דאווענט שמונה עשרה פון מנחה ווארפט ער אראפ אלעס וואס זיי בויען אויף. כ'האב פארשטאנען אז דער רבי פון לובלין ווארפט צוזאם די מויערן ווען ער בעהט ביי די שמונה עשרה אויף בונה ירושלים, און לויט וויפיהל ער איז מתפלל אויף בונה ירושלים פאלט צוזאם פון די חומות פון די טומאה, ווייל כשזה קם זה נופל".

#### אבלו בלבו וצהלתו בפניו

דער הייליגער "ישמח משה" זצוק"ל איז בתחלת שנותיו נישט געווען קיין חסיד. אויף די בקשה פון זיין איידעם, הגה"ק דער ארי' דבי עילאה זי"ע, איז ער געפאהרן קיין לובלין, זיך מסתופף זיין בצל הקודש פון הרה"ק דער "חוזה" פון לובלין זצוק"ל. אויפ'ן וועג האט דער "ישמח משה", אריינגעטראכט איבער'ן ענין וואס מ'זעהט ביי חסידים א שטענדיגע שמחה, אלע זענען זיי פריילעך און אויפגעלייגט, ס'שטייט דאך אין שו"ע (או"ח סימן א) "ראוי לכל ירא שמים להיות מיצר ודואג על חורבן בית המקדש",—נו, וואס איז דער פשט פון די שטענדיגע שמחה? מיט אט די געדאנקען איז ער אנגעקומען קיין לובלין. ווי נאר ער קומט אריין צום הייליגן "חוזה", זאגט אים דער "חוזה": "שינאווא רב, [נאך איידער ער האט געוואוינט אין אוהעל] פארוואס זענט איר אזוי צוגעלייגט? ס'איז אמת אז "ראוי לכל ירא שמים להיות מיצר ודואג על חורבן בית המקדש",—אבער דער חכם האט דאך שוין געזאגט "אבלו בלבו וצהלתו בפניו",—גלייבט מיר אז מיר זאגן יעדער נאכט תיקון חצות מיט גרויס געוויין און קלאג אויפ'ן חורבן, פונדעסטוועגן דארף מען זיין בשמחה". דער הייליגער "ישמח משה" איז ערשטוינט געווארן פון די אפענע רוח הקודש פונעם "חוזה" פון לובלין. אזוי איז ער נמשך געווארן נאך אים און שפעטער איז ער געווארן פון די גרעסטע און ערשטע חסידישע רבי'ס אין אונגארן.

***



## מיין אוצר...אבות:פרק ג'

**רבי חנינא בן תרדיון אומר: שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה הרי זה מושב לצים, שנאמר ובמושב לצים לא ישב. (אבות ג:ב)**

*—רבי חנינא בן תרדיון זאגט: ווען צוויי מענטשן זיצן צוזאמען און זיי רעדן נישט צווישן זיך רייד פון תורה, איז דאס פארעכנט פאר א פארזאמלונג פון לצים [שפאט מאכער], און מ'טאהר נישט זיצן מיט זיי, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק, (תהלים א:א) [די מעלות פון אן ערליכ'ן איד] "ובמושב לצים לא ישב"—אין א פארזאמלונג פון שפאט מאכער איז ער נישט געזיצן, נאר אין די תורה פון באשעפער איז זיין באגער. איז א באווייז אז אין דעם ארט ווי מ'לערנט נישט די תורה ווערט פארעכנט פאר א פארזאמלונג פון לצים.—*

### "שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה". (אבות ג:ב)

רבי חנני' בן תרדיון איז געווען בשעת די גזירה פונעם מלכות אז מ'טאהר נישט לערנען קיין תורה, פונדעסטוועגן זאגט ער: "שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה", אז מ'מוז לערנען כאטש וואס בעצם לימוד התורה איז נישט מעגליך, אבער צו רעדן בדברי תורה איז יא שייך. *(דרך אבות)*

### "שנים שיושבין ואין ביניהם". (אבות ג:ב)

**"שניהם שיושבים"**,—ווען צוויי אידן זיצן צוזאמען **"ואין בניהם"**,—און ס'איז נישטא צווישן זיי קיין שום חציצה אדער פירוד, נאר אמת'ע ליעבשאפט, איז דאס זיצן אליין אזוי ווי "דברי תורה". און דעריבער זאגט נישט דער תנא "ואין עוסקים בתורה", אדער "אין לומדים תורה", אונז צו לערנען אז ס'איז דא דברי תורה אויך אהן ווערטער און פלפול. *(הרה"ק רבי אברהם (השני) מסלאנים זצוק"ל)*

### "שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה". (אבות ג:ב)

קען מען טייטשן אזוי: **"שנים שיושבים"**,—אז צוויי אידן זיצן אינאיינעם, "ואין" און די מידה פון "אין" [די מדה פון ענוה] "ביניהן",—איז דא צווישן זיי, און זיי פיהרן זיך אויף מיט ליעבשאפט און פריינדשאפט, דעמאלט: **"דברי תורה"**, ווערט דאס שוין גערעכענט ווי דברי תורה. אבער אויב ס'איז פארקערט, יעדער האלט זיך פאר א "יש", דעמאלט: "הרי זה מושב לצים",—איז דאס א זיצונג פון לצים. *(הרה"ק רבי מנחם מנדל מווארקא זי"ע)*

### "שניהם שיושבים" (אבות ג:ב)

**"שניהם שיושבים"**,—מיינט ווען מ'פארברענגט און מ'שמועסט געמיטלעך בשלוה ובמנוחה און מ'רעדט נישט קיין דברי תורה. אבער סתם ווען צוויי אידן טרעפן זיך און רעדן נישט אין דברי תורה, מיינט נאך נישט אז ס'איז א מושב לצים. *(תפארת ישראל)*

### "שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה". (אבות ג:ב)

**"שנים שיושבים"**,—ווען צוויי אידן זיצן צוזאמען, **"ואין ביניהם"**,—זיי קריגן זיך נישט צווישן זיך, דאס אליין איז, **"דברי תורה"**,—דאס איז די תכלית התורה, מ'זאל לעבן בשלום ובשלוה. *(הרה"ק רבי יצחק מווארקי זצוק"ל)*

### "שנים שיושבין ואין ביניהם דברי תורה הרי זה מושב לצים". (אבות ג:ב)

"שניהם שיושבים ואין ביניהם",—"אין" אז זיי האלטן זיך ביידע **"אין"** ווי א גארנישט, דעמאלט איז **"דברי תורה"**. אבער אויב זיי האלטן זיך גרויס, "הרי זה",—ער איז א "זהה" א "יש", דעמאלט איז "מושב לצים". *(הרה"ק מקאצק זצוק"ל)*

### "ואין ביניהם דברי תורה הרי זה מושב לצים". (אבות ג:ב)

שטעלט זיך די פראגע: ווי קען זיין אז צוויי אידן זאלן זיצן אינאיינעם און נישט עוסק זיין איז דברי תורה? דערפאר זאגט די משנה: "הרי זה מושב לצים",—די סיבה דערפון איז ווייל אויף דעם פלאץ ווי זיי זיצן יעצט, זענען אמאהל געזיצן לצים, און דאס ארט איז געווארן אנגעזאפט מיט די קליפה פון שפאט און ליצנות, אז אפילו אויב אנדערע מענטשן זעצן זיך אויף דעם ארט, קענען זיי נישט לערנען, און צוליעב דעם ברענגט די משנה א ראי' פונעם פסוק (תהלים א:א) "אשרי האיש וגו' ובמושב לצים לא ישב",—וואויל איז דער מענטש וואס איז געווארנט פון צו זיצן אויף א פלאץ ווי לצים זענען געזיצן, כדי ער זאל נישט ווערן נאכגעשלעפט צו זייערע




שלעכטע וועגן. *(הרה"ק רבי ר' זושא מאניפאלי זצוק"ל)*

### "ואין ביניהם דברי תורה". (אבות ג:ב)

דער תנא זאגט נישט "ואין עוסקים" נאר "ואין בניהם דברי תורה". צו באצייכענען, אז א מענטש דארף טוען אלע זיינע מעשים לשם שמים, לויט'ן באפעהל פון די תורה. "ואין בניהם דברי תורה", מיט דעם לערנט אונז דער תנא, אז אויב מ'זיצט און מ'איז פארטועט אין געשעפטליכע זאכן אין עניני משא ומתן, און די געשעפטן זענען נישט אין א בחינה פון "דברי תורה",—עפ"י תורה דעמאלט איז דאס א מושב לצים... *(החסיד רבי יוסף יעב"ץ זצוק"ל)*

### "ואין ביניהם דברי תורה". (אבות ג:ב)

כאטש וואס יעדער פון זיי לערנט באזונדער פאר זיך, אבער אויב זיי לערנען נישט צוזאמען איז דאס נישט ריכטיג, ווייל איינער וואס האלט זיך גרויס דער קען נישט לערנען מיט זיין חבר, און דער בעל גאוה איז "אין אני והוא יכולים לדור"—דער באשעפער קען נישט מיט אים זיין צוזאמען, דעריבער איז דאס א מושב לצים. *(מדרש שמואל)*

### "הרי זה מושב לצים". (אבות ג:ב)

ווען צוויי אידן זיצן אויף איין פלאץ און לערנען נישט צוזאמען, איז דאס ווייל איינער לאכט אפ פונעם צווייטנ'ס תורה און דערפאר פאסט אים נישט צו לערנען מיט יענעם, דעריבער איז דאס א מושב לצים. *('רוח חיים' וגם שאר בעלי מוסר)*

### "הרי זה מושב לצים". (אבות ג:ב)

די משנה (אבות ו) זאגט: "כל מי שאינו עוסק בתורה נקרא "נזוף",—מענטשן וואס זיצן צוזאמען און לערנען נישט, זיי קענען באשטיין צו טראגן דעם נאמען "נזוף", אבי נישט צו לערנען, און ס'איז נישט דא קיין גרעסערע שפאט פון דעם, דעריבער, הרי זה מושב לצים. *(החיד"א)*

### "הרי זה מושב לצים". (אבות ג:ב)

ס'איז א מושב לצים, אפילו ווען צוויי מענטשן זיצן צוזאמען און זיי מאכן נישט קיין ליצנות, וויבאלד זיי פארברענגען די צייט מיט גארנישט. *(מאירי)*

### "הרי זה מושב לצים". (אבות ג:ב)

פארוואס הייסט דער וואס לערנט נישט קיין תורה א לֵץ. ווייל ס'איז נישטא קיין גרעסערע ליצנות פון דעם ווען מ'זאגט צייל גאלדענע רענדלעך א שעה צייט און אלעס וואס דו ציילסט איז דיינס. און ער איז פויל דאס צו טוען, ער לאכט זיך אויס פון די גאלדענע רענדלעך און מאכט זיי אוועק. דאס זעלבע איז, דער וואס איז מבטל פון דברי תורה, נאכ'ן וויסן ווי גרויס דער שכר דערפאר איז, איז ער טאקע נישט מער ווי א לֵץ ממש. און אזוי זאגט אויך דער תנא רבי יהושע בן לוי, (אבות ו:ב) "אוי להם לבריות מעלבונה של תורה", זעהט מען אז דער תנא רופט אהן דעם וואס איז מתבטל פון דברי תורה מיט'ן נאמען "עולב",—א פארשעהמטער. *(החסיד רבי יוסף יעב"ץ זצוק"ל)*

## הרי זה מושב לצים

### "דרוש נווי ואולמי"

הרה"ק רבי ברוך'ל פון מעזיבוזש זי"ע, איז אמאהל איינגעשטאנען שבת אין אן אכסניא, און ער האט בשום אופן נישט געקענט זאגן דברי תורה, האט רבי ברוך'ל געזאגט: "זיכער האט אין דעם הויז געוואוינט א רשע"! מ'האט זיך נאכגעפרעגט און אזוי איז טאקע געווען. האט רבי ברוך געזאגט, אויף דעם איז דא א רמז אין די שבת'דיגע זמירות: "דרוש נווי ואולמי",—אויב דו וועסט אויספארשן מיין וואוינונג, וועסטו פארשטיין די סיבה פארוואס איך בין שטום געווארן און נישט געקענט זאגן דברי תורה.

### "דער כח פון ליצנות"

הרה"ק רבי ר' מענדל'ע מרימינוב זי"ע האט געזאגט אויפ'ן פסוק "ולא נחם אלקים דרך ארץ פלישתים". חז"ל (עבודה זרה יט) זאגן אויפ'ן פסוק "ובמושב לצים לא ישב" (תהלים א:א) זה פלשתים,—די פלשתים זענען געווען ליצנים. און ער האט געזאגט אז אויב פרעה וואלט געוואוסט, אז מיט ליצנות קען מען אפלייקענען די גאנצע וועלט, וואלטן די אידן נישט געקענט קיינמאהל ארויסגיין פון מצרים. איינמאהל האט ער ארויס געקוקט פון פענסטער אויפ'ן הימל און געזאגט: **"איר זעהט אז דאס איז דער הימל, אבער מיט ליצנות קען מען דאס אפלייקענען אז ס'איז נישט קיין הימל"**. און נאך די סעודה אין שטוב האט ער געזאגט: איר מיינט אז אין בית המדרש היינט ביים דאווענען איז נישט געווען קיין ליצנות, היינט האט פלוני געדאוונט, און געוויסע מתפללים האבן געמאכט ליצנות אז ער שלעפט און דאוונט נישט שיין.

***



<<<<<

# וחסידים ברנה יגילו

הנני בקידה ובהשתחווי' אל מול פני הקודש
בברכת הדיוט מעומקא דליבאי,
קדם אבינו רוענו, מאור עינינו ורוח אפינו,
רועה ישראל, עטרת ראשנו ותפארתנו

## כ"ק מרן אדמו"ר מבעלזא שליט"א

**לרגל השמחה הגדולה שמחת בית בעלזא**
עת נישואי הנכד החתן היקר והמופלג בתוי"ש
עדיו לגאון ולתפארת

**הרב חיים מאיר שליט"א**
בן ידידי ידיד ה' וידיד כל בית ישראל,
הרה"צ המפו' פאר מקדושים

**כש"ת מוהר"ר אהרן מרדכי שליט"א**

ומצלאין אנו קדם אבוהון מארי שמיא וארעא, שהזיווג יעלה יפה ויהיה לבנין עדי עד, ויזכו לראות דורות ישרים ומבורכים לתפארת שושילתא דדהבא ולתפארת כל בית ישראל, ומשפע שמחה זו יתמשך עלינו שפע קודש ברכות וישועות לכלל ולפרט וכל טוב סלה

**אברהם צבי חיים בן רחל פרומט רייז**
**ומשפחתו**

תודתנו להרה"ח ר' אברהם צבי חיים רייז הי"ו • על נדבת לבו הטוב בהדפסת ובהוצאת הגליון לכבוד שמחת בית בעלזא • יה"ר ויתברך בשפע ברכה והצלחה ובכל מידי דמיטב

## מיין אוצר... מורא מקדש

### אמן – א חיזוק אין אמונה

**אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו (ואתחנן ד:לה)**

די סופי תיבות: "הו'א האלקים' אי'ן" זענען 'אמן', און ווייל זיי זענען נאנט צו די ווערטער: "אין עוד מלבדו" לערנען מיר, אז דורך ענטפערן אמן איז דער מענטש מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים און זאגט עדות אז "**אין עוד מלבדו יתברך**", אזוי ווי די גמרא (שבת קיט) זאגט: "מאי אמן? 'א'-ל מ'לך נ'אמן". טייטש רש"י אז דורכ'ן זאגן 'אמן' זאגט דער מענטש עדות אז דער באשעפער איז 'א-ל מלך נאמן'. *('ויעתר יצחק' שבת קיט)*

**• אנקומען קיין ארץ ישראל דורך משה רבינו'ס תפילות**

**"ויתעבר ה' בי למענכם ולא שמע אלי"** (ואתחנן ג:כו). אין יאר תש"ט האט דער פאפער רב בעל 'ויחי יוסף' זיך ארויס געלאזט פון ניו יארק אויפן וועג קיין ארץ ישראל. שטייענדיג אויפן דעק פון שיף וואס האט אים געפירט קיין ארץ ישראל האט ער מיט התרגשות געזאגט פאר די חסידים וואס זענען געשטאנען ארום אים: "תקט"ו תפילות האט משה רבינו עליו השלום געדאווענט ער זאל זוכה זיין אריינגיין אין ארץ ישראל און עס איז נישט אנגענומען געווארן. אבער קיין איין תפילה גייט נישט צוריק ליידיג, ריכטיג אז די תפילות האבן פאר אים נישט געהאלפן, נאר יעדע מאל ווען א איד גלוסט אנצוקומען קיין ארץ ישראל און אויפן וועג מאכן זיך שוועריקייטן, זאל ער וויסן אז ער וועט זיכער זיך מתגבר אויף זיי מיט די כח פון די תפילות". *('תולדות בעל "ויחי יוסף" מפאפא ח"ב עמ' נז)*

## מיין עונג שבת

### "סעודות ליל שבת"

**זיך צוזאמען קומען פרייטאג צונאכט'ס**

ס'ווערט דערציילט אז אמאל איז געקומען א חסיד צום הייליגן רוזשינער זי"ע און געבעהטן אז ער זאל אים זאגן א זאך וואס וועט אים צוניץ קומען אויף זיין גאנץ לעבן. האט ער אים אזוי געזאגט: איידער משיח צדקינו וועט קומען וועט דאס אידישקייט שטיין אויף א האר, די עצה מ'זאל זיך שטארקן אין די אמונה איז, אז מ'זאל זיך צוזאמען קומען יעדן פרייטאג צונאכט'ס און רעדן פון די גרויסע צדיקים, ווייל דאס איז א גרויסע תועלת מחזק צו זיין אין די אמונה מיט די תורה, א רמז דערויף שטייט אין פסוק (ויחי מט:א) יעקב אבינו האט געזאגט פאר זיינע קינדער "האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים", יקרא איז א לשון פון קאלטקייט, אויב איר וועט קאלט ווערן אין די אמונה איידער משיח צדקינו וועט קומען, איז די רפואה דערצו אזוי, "האספו",—מ'זאל זיך צוזאמען קומען און רעדן וועגן אמונה אין באשעפער, דערנאך האט ער נאך צוגעזאגט אזוי: אין נעם זיך מיט דיר אויס דריי זאכן, איינס, איר זאלט פאלגן מיינע רייד, צוויי, איר זאלט געדענקען מיינע רייד, דריי, איר זאלט דאס איבערזאגן ברבים. *(אורות ישראל רוזשין פ' ויחי)*



הרה"ק מצאנז זי"ע האט געזאגט: די סגולות פון פרייטאג צונאכטס איז זייער הויך, דעריבער זאל מען עוסק זיין אין תורה, שירות ותשבחות צום באשעפער, ווייל ראז איז א גרויסער תיקון פאר זיין נשמה. צום וויניגסטנס זאל מען אויף בלייבן ביז צעהן אזייגער.

### דער תכלית פון שלאפן

כ"ק אדמו"ר מסקולען זצ"ל האט געהאט א קפידא אז ער פלעגט נישט פרעגן זיינע אורחים אויב מ'האט וואו צו שלאפן, נאר ער פלעגט פרעגן אויב מ'האט פון וואו אויפצושטיין. ער פלעגט דאס ערקלערהן אזוי: א מענטש דארף אכטונג געבן אויף זיין דיבור צו רעדן מיט א ריינע שפראך, דעריבער וויבאלד דאס איז זיכער אז א איד גייט נישט שלאפן, ווייל דער תכלית איז נישט בלויז דאס שלאפן. נאר דער עיקר תכלית פון שלאפן איז כדי זיין קאפ און מוח זאלן זיין אויסגערוהט אז ער זאל קענען דינען דעם באשעפער ווען ער וועט אויפשטיין אינדערפרי מיט א קלאהרן קאפ, דעריבער האט ער געפרעגט אויב מ'האט וואו אויפצושטיין. נאך האט ער מקפיד געווען אז מ'זאל נישט זאגן "מ'גייט זיך אראפליגן", ווייל א איד גייט נישט אויף אראפ, א איד גייט אלץ אויף ארויף מיט א הייליגקייט, דעריבער זאל מען זאגן "מ'גייט זיך אנלענען". *(השבת נועם הנשמות)*

### חשבון מצות של קריאת של המטה

אחדות הבורא, איין מצוה. • לא יהי' לך אלקים אחרים, איין מצוה. • קריאת שמע על המטה, דריי מצוות. • מייחד זיין הקב"ה אין הימל און אויף דער וועלט, צוויי מצוות. • מכוון זיין ביי שמע ישראל, צוויי מצוות. • נישט טוען קיין ארבעט בשעת קריאת שמע, צוויי מצוות. • ליינען קריאת שמע מיט מורא און אהבה, צוויי מצוות. • ברוך שם כבוד... פינעף מצוות. • די ערשטע פרשה, צוויי מצוות. • נישט ליינען איבערהיפענדיג, צוויי מצוות. • טראכטן פון דברי תורה, פיהרה מצוות. • סך הכל: **זעקס און צוואנציג מצוות**. *(ישראל מלאים מצוות)*

*(פארזעצונג אי"ה)*


**"מיין שבת אוצר" און נאך קענט איר געפונען יעדע וואך**
**אין די וועכענטליכע אויסגאבע פון "המחנה החרדי"**
T:718-438-1263 • F:718-569-6440 • e-mail: otzar@hamachne.com


נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם...על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון הרימו בכח קולך מבשרת ירושלים...